DOS ORGANIZIRTE YIDISHE LEBN

Leibush Lehrer

•



NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

דאָס אָרגאַניזירטע יידישע לעבן

קאָנספּעקט פון אַ קורס וועגן יידישן קהילה לעבן אין אַלע צייטן

מיט ספּעציעלן טראָפּ אויפן אָרגאַניזירטן יידישן לעבן
אין אַמעריקע און אין איצטיקן ארץ ישראל

— פון —

לייבוש לעהרער

ארויסגעגעבן פון דער שלום-עליכם מיטלשול

ניו יאָרק, 1946

ISBN:0-657-11454-5

די אָרגאַניזאַציע פון יידישן לעבן

ב. אריינפיר

אסך ענטפערס זענען שוין געגעבן געוואָרן אויף דער פראַגע פאַר־וואָס דאָס יידישע פאָלק איז געבליבן לעבן בעת אנדערע פעלקער זענען אונטערגעגאנגען. וואָס פאַר אן ענטפער מען זאָל נים אָננעמען, איז אָבער וויכטיק קודה כל צו האָבן א קלאָר בילד פון די אינסטיטוציעס און טעכנישע פאָרמען, אין וועלכע יידישער קיום האָט זיך אויסגע־דריקט. אזא בילד וועט אונדז ווייזן דאָס פאָלק אין זיין סאָציאלער גאַנצ־קייט און זיין שטענדיקע שטרעבונג צו פונקציאָנירן ווי א גאַנצקייט.

א באַקאַנטשאַפט מיט די אָרגאַניזאַציע־פאָרמען פון יידישן לעבן וועט אויך שאַרפער ארויסברענגען די אייגנשאַפטן, שטריכן און מידות פון פאָלק ווי א פאָלק. וואָרום ווי וויכטיק עס זאָלן נים זיין די גע־דאַנקען און אויסדרוקן פון די אלע גרויסע מענטשן, וואָס מיר האָבן תמיד פאַרמאָגט, איז נים ווייניקער וויכטיק אויסצוגעפינען וואָס עס האָט זיך אָנגענומען, וואָס עס איז געוואָרן אן אָרגאַנישער טייל פון דער גייסטיקער לופט, מיט וועלכער דאָס פאָלק האָט געאָטעמט.

בב. אין אלטן ארץ ישראל.

עס איז שווער צו מאָלן א קלאָר בילד פון דער אלגעמיינער אָרגאַ־ניזאַציע און די אדמיניסטראַטיווע אָרגאַנען ביי יידן אין די עלטסטע צייטן. מען קען אָבער אָנגעבן עטלעכע פונדאַמענטאַלע שטריכן.

בעת יידן האָבן געפירט א נאָמאַדיש לעבן אין מדבר איז די אָרגאַ־ניזאַציע באַשטאַנען פון משפחה, קלאַן און שבט. די משפחה איז געווען א טייל פון א קלאַן, און א שבט איז באַשטאַנען פון עטלעכע קלאַנען. יעדע משפחה האָט געהאַט איר פאַטריאַרך, וואָס איז געווען איר פאָטער און ריכטער. דער קלאַן האָט מסתמא זיך פאַררעכנט ווי א ברייטע משפחה פון בלוט־פאַרוואַנדטע מיטגלידער, באָטש עס האָט, פאַררעכנט זיך, נים געקענט זיין זיכער, אז זיי זענען באמת געווען קרובים. דער שבט איז געווען די גרעסטע סאָציאלע איינס, און פון אלע שבטים איז באַשטאַנען דאָס פאָלק, די בני ישראל. עס איז אָבער זייער שווער צו דערגיין וואָס

I. [illegible]

[illegible]

[illegible]

II. [illegible]

[illegible]

[illegible]

עס זענען געווען די אדמיניסטראטיווע פונקציעס פונעם שבט אין יענער צייט.

ווען די בני ישראל באזעצן זיך אין כנען, און עס קומען אויף שטעט, הייבט אן די שטאט צו שפילן א הויפט-ראלע, די ראלע פון א זעלבסט-פארוואלטנדיקער ארגאניזאציע. יעדע שטאט האנדלט אפט לויט איר אייגענער איניציאטיוו (למשל סוכות און פנואל - שופטים ח', אדער קעילה און זיף-שמואל א'-כ"ג). אבער ווען א שונא אטאקירט איין שטאט פילן די איבעריקע די אחריות זיך אנצונעמען. די וויכטיקייט פון דער שטאטישער ארגאניזאציע זעט זיך אויך אין דעם וואס אסך ביבלישע פערזענלעכקייטן ווערן פארצייכנט לויט די שטעט פון וועלכע זיי קומען (אליהו התשבי, נבות פון יזרעאל, מיכה המורשתי, עמוס פון תקוע). שטעט ווערן אויך פארהערלעכט - „מוטער פון ישראל (שמואל ב' כ, 19). מיר האבן דעם זעלביקן אויסדרוק אריינגענומען אין יידיש ווען א שטאט וואס צייכנט זיך אויס מיט אינטענסיוו יידיש לעבן. מיר זאגן, אז דאס איז אן עיר ואם בישראל.

די אדמיניסטראטארן פון דער שטאט זענען געווען די זקנים וואס האבן געהערט צו די חשובע פאמיליעס. זייער פונקציע איז געווען צו פסקענען אין פאמיליע ענינים (דברים כב, 15), ירושות, די באשטימונג פונעם גואל, דעם אויפהאלטער פון דער פאמיליע (רות 3), אויסגלייכן אין ענינים פון בלוט-מאנען (דברים יט, 12), און פארטרעטן זייער שטאט אין סיכסוכים מיט אנדערע שטעט (דברים, כ"ב).

שפעטער איז אויך צוגעקומען די אינסטיטוציע פון די שופטים. צו זיי האט מען געקענט אפעלירן קעגן דעם פסק-דין פון די זקנים „בייח הויער פון שטאט". זיי האבן אויך געשפסקנט אין נייע פאלן, וואו מען האט געדארפט שאפן פרעצעדענטן.

אויך דער בהן שפילט א גרויסע ראלע אין לעבן פון פאלק.

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

ער איז געווען דער וועגווײַזער אין מאָראַלן און רעליגיעזן לעבן.
זײַנע אָנווײַזונגען האָבן געהײסן תּורה, און זיך ווענדן צו אים האָט
ווי עס ווײַזט אויס געהײסן „קומען צו גאָט" (שמות בא 6, כ"ב 8).

אין דער צײַט פון דער מלוכה פאַרבלײַבט נאָך אַלץ די מאַכט פון
די זקנים, באַטש דער מלך באַטײַליקט זיך שוין אין אַרויסגעבן
משפּטים (מלכים ב ו' 26; ח', 3-6). מעגלעך אַז דאָס איז פאָרגעקומען
בלויז אין ערנסטערע פאַלן. אָבער אויך דער קעניג איז געווען
אונטערגעוואָרפן דעם געזעץ, ווי אַלע אַנדערע.

נאָך שיבת ציון, אונטער דער פּערסישער הערשאַפט, איז באַזונדערס
אויסגעוואַקסן די עבודה אין בית המקדש און דער כהן גדול, ניט
קײן קעניג, איז געוואָרן דער העכסטער פאָרשטײער פון די ייִדן. אָבער
ער, פּונקט ווי די גאַנצע אינסטיטוציע פון דער כהונה, האָט באַקומען
זײַן אויטאָריטעט פון דער תּורה וואָס איז געווען דער פונדאַמענט פון
גאַנצן לעבן פון פאָלק. צוליב דעם איז נײטיק געווען אַז יעדער ייִד
זאָל וויסן וואָס די תּורה פאָדערט פון אים.

דאָס האָט אַרויסגערופן אַ קלאַס לערער וואָס זײער עובדא איז
געווען צו לערנען מיטן פאָלק אַלץ וואָס שטײט געשריבן אין דער תּורה.
די דאָזיקע לערער האָבן אויך געדאַרפט אָנווײַזן ווי אַזוי אירע
געבאָטן דאַרפן אויסגעטײטשט ווערן אין נײַע פאַלן וואָס ווערן אָפן אין
דער תּורה ניט דערמאָנט. דאָס זענען געווען די סופרים. זײ האָבן
קודם כל קאָפּירט די תּורה אין איר טראַדיציאָנעלן נוסח. דאָס איז
געווען די געשריבענע תּורה, תּורה שבכתב. ווען זײ האָבן אָפּגעשלאָסן
די תּורה, און מען האָט מער גאָרניט געטאָרט צוגעבן צו איר, האָבן
זײ אין אַלע נײַע פאַלן פאַרשפּרײט זײערע אויסטײַטשונגען וואָס זײ
האָבן געבויט אויף די געבאָטן פון דער תּורה שבכתב. דאָס לעצטע
האָט זיך אַנטוויקלט אין אַ תּורה שבעל פּה, אַ מינדלעכע תּורה.
אויף אַזאַ אופן זענען געשאַפן געוואָרן פעסטגעשטעלטע נאָרמען
לויט וועלכע דאָס ייִדישע לעבן האָט זיך געפירט.

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

שפעטער, אין דער חשמונאים צײַט, איז אחוץ דעם כהן גדול אויך געבוירן געװאָרן דער אמט פונעם נשיא, דעם פּאָליטישן פירער פון לאַנד. אונטער דער רזימישער הערשאַפט, װען די פּאָליטישע אומאָפּהענגיקײַט האָט געגומען פאַרשװינדן, איז די העכסטע אויטאָריטעט אין מאָראַל און גײַסטיקן לעבן געװען דער סנהדרין אין ירושלים. ער איז באַשטאַנען פון 70 מיטגלידער און א פאָרזיצער, אב-בית-דין. זײ האָבן פאַרהאַנדלט און אַרויסגעגעבן געזעצן און רעגולאַציעס פון טאָג-טעגלעכן לעבן. אָן זײער הסכמה האָט דער נשיא ניט אָנגענומען קײן שום װיכטיקע באַשלוסן אין מלוכה ענינים.

דער סנהדרין איז באַשטאַנען פון גרויסע געלערנטע און הויך מאָראַלישע פּערזענלעכקײַטן. דער אופן װי אַזוי זײ האָבן געפירט פּראָצעסן איז אײנס פון די שענסטע קאַפּיטלען אין דער אַנטװיקלונג פון יידישער מאָראַל (זען למשל, דובנאָװ, יידישע געשיכטע פאַר שול און פאָלק, 1919, באַנד 2, זײַט 52). אפילו נאָכן חורבן פון צװײטן בית המקדש איז נאָך אַלץ געבליבן דער סנהדרין, כאָטש ער האָט זיך מער ניט געקענט פאַרזאַמלען אין ירושלים.

111. בבל

נאָך אין דער צײַט פון גלות בבל האָבן יידן געשאַפן דעם בית הכנסת אָדער סינאַגאָגע. דאָס איז געװען א בית התפילה און אויך א צענטער פון קהילה-לעבן. דאָרט האָט מען געדאַװנט; דאָרט זענען פאָרגעקומען געריכט-פּראָצעסן; דאָרט איז דורכגעפירט געװאָרן אַלץ אין װאָס די יידישע קהילה האָט זיך גענײטיקט.

אין רוים איז יידן, נאָכן חורבן בית שני, ניט דערלויבט געװען צו האָבן צענטראַלע נאַציאָנאַלע אָרגאַנען, אָדער אַן אײגענע יוריסדיקציע. זײ האָבן בלויז געמעגט בויען סינאַגאָגעס און זײ אַדמיניסטרירן. אַנדערש איז געװען אין בבל. כאָטש די פּאָליטישע הערשאַפט האָט זיך דאָרט עטלעכע מאָל געביטן צװישן דעם ערשטן און דעם צװײטן חורבן, האָבן אָבער די דאָרטיקע יידן געהאַט א רעכט

אויף מער אינערלעכער פריהייט.

יעדע שטאט האט געהאט אן ארגאניזירטע קהילה וואס איז געפירט געווארן פון א קאמיטעט (כנישתא). די מיטגלידער פון קאמיטעט האט מען גערופן פרנסים אדער זקנים, אדער שבעה טובי העיר. איבער זיי איז געווען א פרעזידענט, דער ריש מתא. זיי האט אויסגעקליבן די קהילה, געווינטלעך פאר ראש השנה. יעדע קהילה האט באשטימט איר בית דין. די שטייערן וואס די יידן פון שטאט דארפן צאלן, א קאנטראל איבער וואג און מאס, פרייזן אויף עסנווארג, ארבעט-לוין, און געמאכט פאליציי-רעגולאציעס. אלע קהילות זענען געווען אונטערגעווארפן דעם ריש גלותא און אויך דער מאראלישער אויטאריטעט פונעם נשיא פון ארץ ישראל.

די קהילות האבן באזונדערס געזארגט פאר די ארעמעלייט פון שטאט און זיי געהאלפן דורך די גבאי צדקה און מחלקי צדקה. דאס געלט האט געהאלטן דער קאמיטעט און ער האט אלץ קאנטראלירט. אלע יידן האבן געמוזט צאלן שטייערן חוץ פרויען, יתומים און ארעמעלייט. עס זענען געווען צוויי צדקה-פאנדן: פאר שטאטישע ארעמעלייט וואס מען האט צעטיילט יעדן פרייטיק און פאר פארבייפארנדיקע אורחים. חוץ דעם זענען געווען באזונדערע קופות פאר פורים שלח מנות און נויטבאדערפטיקע חכמים. יעדע קהילה האט פארשריבן אין א פנקס אלע וויכטיקע געשעענישן.

א קהילה פון מער ווי צען יידן האט געמוזט האבן א בית הכנסת, און פאר דעם האבן אלע געמוזט בייסטייערן, אפילו יתומים. דער בית הכנסת האט געהאט זיין אייגענע אדמיניסטראציע, און א פרעזידענט (ראש הכנסת). די שטאט האט אויך געדארפט באזארגן מלמדים פאר די קינדער. אויף מער ווי 40 קינדער האט דער מלמד אויך געדארפט האבן א באהעלפער; אויף מער ווי 50 קינדער צוויי באהעלפער. אלע קינדער (יינגלעך) האבן געמוזט לערנען אין שולן. דאס האט יעדער ייד געמוזט העלפן אויסהאלטן.

עס איז אויך געווען א בית עם, טײלמאל טאקע אין בית הכנסת גופא. דאָס איז געווען א פלאַץ פאר געזעלשאַפטלעכן צונויפקום. דאָרט האָט מען אויך דורכגעפירט פארשײדענע עסקים פון דער קהילה, למשל, אויסרופן פארלאָרענע און געפונענע זאַכן, באַפרײען שקלאַפן, א.א.וו.

IV. שפאַניע

נאָך דעם ווי די קריסטן האָבן זיך צום צװײטן מאָל באַפעסטיקט אין שפאַניע (וועג יה״) זענען די קעניגן געווען מער אײַנגעטאָן אין די אינטערעסן פון דער מלוכה, ניט בלויז אין די אינטערעסן פון דער קירך, און געווען גענײגט צו געבן יידן מער פרײהײט אין זײער אינערלעכן לעבן. דאָס איז בכלל געווען ניט שווער אין יענער צײט, ווײל עס האָבן סײ ווי געהערשט פארשײדענע יורידישע סיסטעמען פאר פארשײדענע גרופעס פון דער באַפעלקערונג (נאָבל-לײט, גײַסטלעכע, שטאָטישע און דאָרפישע באַפעלקערונג, מאָנאַסטירן, מיליטערישע אינסטיטוציעס).

אן אויטאָנאָמיש לעבן, ד״ה, די מעגלעכקײט אלײן צו רעגולירן אלע אינערלעכע עסקים לויטן יידישן געזעץ, פירן אלע דין תורות צווישן יידן לויט תלמודישער און שפעטערדיקער יידישער יוריס-פרודענץ — דאָס איז פאר יידן געווען א אידעאַל. אין שפאַניע האָבן יידן דערגרײכט א גרויסע טײל דערפון.

דער קעניג האָט געהאַט צו טאָן מיט קהילות, ניט מיט אײנצלנע יידן. אזא קהילה איז אָרגאַניזירט געוואָרן אין יעדער שטאָט, און צו איר האָבן אלע יידן געמוזט געהערן. די פאָרשטײער פון דער קהילה האָבן געהאַט די אויטאָריטעט פון דער מלוכה צו רעגולירן דאָס יידישע לעבן, און האָבן געהאַט צו זאָגן איבערן ציווילן, קרימינעלן און רעליגיעזן געזעץ בײ יידן. יידן און גוײם זענען פאר דער זעלביקער געזעצלעכער עוולה געבראַכט געוואָרן אין פארשײדענע געריכטן, און באַהאַנדלט געוואָרן לויט אנדערע יורידישע סיסטעמען.

שפּאַניע

אין ווײַטן יאָרן [illegible] ווען די קריסטן
זײַנען געווען אין שפּאַניע [illegible] די קעניגײַן [illegible]
אײַנגעטיילט אין די [illegible] פֿון דרײַ מלוכות, און דערפֿאַר
האָבן זיך ניט [illegible] מיט די ייִדן, האָבן זיי געהאַט
אַ סך פֿרײַהייט, זיי האָבן געלעבט אין קהילות [illegible]
[illegible], עס איז געווען אַ שטאָט אין אַ שטאָט
אַ מלוכה אין אַ מלוכה. אַלע ייִדן זײַנען
[illegible] געוואָרן און [illegible] געוואוינט - באַזונדער
אין [illegible] געוואוינט. די קהילה פֿירער [illegible]
מען גערופֿן זקנים. עס זײַנען געווען [illegible]
פֿילאָסאָפֿן, [illegible] פֿון דער אַדמיניסטראַציע
[illegible] אין [illegible] פֿון דער אַלגעמיינעם [illegible]
[illegible]. די קהילות האָבן [illegible] [illegible]
[illegible] אין די [illegible] האָבן [illegible] און [illegible]
[illegible] [illegible]

בלויז זייערע ערנסטע פאלן זענען איבערגעגעבן געוואָרן דעם אלגעמיינעם געריכט.

די טשאַרטערס פאַר דער יידישער אויטאָנאָמישער עקזיסטענץ האָט די מלוכה ניט געגעבן דער גאַנצער יידישער באפעלקערונג צוזאַמען, נאָר צו יעדער קהילה באַזונדער, צוגעפאַסט צו די באַדינגונגען פון יעדן פּלאַץ. די פירערשאַפט פון דער קהילה איז געלעגן אין די הענט פון אויסגעקליבענע פאַרשטייער, אָדער פון די ווייכטיקסטע מענטשן וואָס זענען מיט אַלעמענס הסכמה באַטראַכט געוואָרן ווי פירער ביי יידן.

דאָרט וואו די אנגעזעענסטע מענטשן זענען געווען די פירער האָבן זיי קיין ספּעציעלן נאָמען ניט געהאַט; מען פלעגט זיי רופן זקנים אָדער קהל. אויסגעקליבענע פאַרשטייער זענען געוויינטלעך צעטיילט געוואָרן אויף אַן אַדמיניסטראַטיוון אַפּאַראַט, און אַן אַלגעמיינעם פירנדיקן קאָמיטעט. די מיטגלידער פונעם ערשטן האָט מען גערופן ברורים, מוקדמים אָדער נאמנים, בעת די לעצטע האָבן געהייסן יועצים. זייער צאָל איז ניט געווען גלייך אומעטום. אין טייל פאַלן האָט מען זיי געקליבן דירעקט, דורך אַ מאַיאָריטעט. אין טייל פאַלן האָבן זיי געקענט באַשטימען שטעלפאַרטרעטער נאָך דעם ווי זייער צייט האָט זיך פאַרענדיקט. זיי האָבן אויך געדאַרפט באַשטימען אַ בית-דין פאַר דער שטאָט.

אין ערנסטע ענינים האָט דער קהילה-קאָמיטעט צונויפגערופן אַן אסיפה פון אַלע יידן, געוויינטלעך אין שול, אָדער אין אַ דער-ביייקן בנין פון דער קהילה, און איבערגעגעבן די רעקאָמענדאַציעס איבער וועלכע צו שטימען. די ווייכטיקסטע פראַגעס זענען געווען: 1) אַ פאַסיקע שטייער-סיסטעם, און 2) שאַפן אַ קאָמפּעטענטן בית-דין.

אין טייל פאַלן האָט מען אויסגעקליבן אַ ספּעציעלן קאָמיטעט צו אינוועסטירן און קאָנטראָלירן די געזאַמלטע פאָנדן. זיי האָבן געדאַרפט אָפּגעבן אַ באַריכט יעדן חודש. דאָס אייגנס פון דער קהילה איז קאָנטראָלירט געוואָרן פון די שבעה טובי העיר, מסתמא אַ ספּעציעלע

[illegible]

קאמפּיע פון די יועצים. אן אנדער קאמפּיע האט געהאט די השגחה איבער צדקה–בײשטײערונגען, ירושות און פאנדן אויף חינוך.

דער קאמיטעט ארויפצוזלײגן שטײערן איז געווען דער וויכטיקסטער. צו אים האבן זיך געריסן אלע קאנדידאטן, און פאר אים האט מען שטארק מורא געהאט. נאך א קאמיטעט האט געהאט די השגחה איבער יידישקײט. ער האט געקענט ארויפלײגן שטראפן, לײגן אין חרם ארײן, אדער בכלל זײן שטרענג צו זינדיקע.

אנגענומענע געזעצן און רעגולאציעס האט מען גערופן תקנות. אין טײל שטעט האט זיך געפאדערט פולע אײנשטימיקײט כדי א תקנה זאל אנגענומען ווערן. אנגענומענע תקנות האט מען פארשריבן אין א פנקס, פארגעלײענט שבת בײם דאווענען און די הסכמה איז אויסגעדריקט געווארן דורך זאגן אמן. ווען מען האט אנגענומען א תקנה האט מען גלײך באשלאסן אויף ווי לאנג זי זאל זײן אין קראפט. אויב דאס איז ניט אנגעגעבן געווארן איז זי געווען גילטיק אויף אלעמאל.

V. פוילן (16טן - 18טן י״ה)

אין פוילן האט די רעגירונג געהאלטן פאר בעסער צו האבן צו טאן מיט גרויסע קהילה–ארגאניזאציעס אײדער מיט יחידים, אדער אפילו קלײנע קהילות. דאס האט זיך אויסגעדריקט אינעם ועד ארבע ארצות (גרויס פוילן, קלײן פוילן, רײסן און ליטע). אין 1623 האבן ליטע און רײסן זיך אפגעטײלט און געשאפן א באזונדער ועד פאר זײערע קהילות.

דער ועד איז פאר דער מלוכה געווען א מיטל אײנצומאנען שטײערן. האט זי דעריבער אים באשאנקען מיט אדמיניסטראטיווער און יורידישער קראפט. ער האט געטראגן די אחריות פאר די שטײערן פון אלע קהילות אונטער זײן יורידיקציע. יעדע קהילה האט געטראגן די אחריות פאר דער מאראלער אויפפירונג פון יידן לגבי קריסטן. אין געווויסע פאלן האט דער סטאראסטא פארבאטן קריסטן צו לײען געלט אײנצלנע יידן אן דעם ווײסן פון דער קהילה.

פּוילן

אין פּוילן האָבן די ייִדן אויך געהאַט זעלבס־

שטפֿאַרוואַלטונג. [illegible] די מלוכה [illegible] מיט [illegible]

[illegible] מיט [illegible] [illegible] מיט קהילות [illegible]

[illegible] [illegible] פּוילן קליין [illegible] רוסן און

ליטע. [illegible] [illegible] [illegible] [illegible]

[illegible] [illegible] [illegible] אין [illegible] די ייִדן

[illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] געוואָרן.

דאָס [illegible] [illegible] אין יעדער קהילה. דער וועד האָט

אויך [illegible] [illegible] אין [illegible] [illegible]

[illegible] [illegible] זיך [illegible] אין לובלין און [illegible] צוויי

מאָל אַ יאָר.

פון דער אנדער האט אויך די קהילה טיילמאל זיך גענומען דאס רעכט צו זאגן יידן א דעה אין ענינים פון לייען געלט.

די גרענעצן פון דער קהילה-אויטאנאמיע זענען ניט געווען קיין פעסטע. יעדע פראווינציעלע רעגירונג-אדמיניסטראציע האט זי געקענט פארברייטערן אדער פארשמעלערן. קהילות האבן געוויינטלעך דורכגעפירט פעריאדישע וואלן, און די אויסגעקליבענע פרנסים זענען געווען די אנערקענטע באאמטע פונעם ישוב. דער בית-דין איז באשטאנען פון רבנים און פרנסים. ער האט געהאט צו טאן קודם כל מיט פראצעסן צווישן יידן און יידן. פראצעסן צווישן יידן און גויים, אדער אפעלאציעס קעגן דעם פסק-דין פון בית-דין, זענען געגאנגען צום געריכט פון וואיעוואדא. דארט איז אויך געווען א ספעציעלער „יידישער ריכטער". ער איז געווען א קריסט אבער ער האט פארטראטן דעם יידישן צד. דער וואיעוואדא האט אים אויסגעקליבן פון צוויי קאנדידאטן וואס יידן האבן אים צוגעשטעלט.

די וואלן זענען געווען אומדירעקטע. עס האבן זיך באטייליקט אין זיי א באגרענעצטע צאל עלעקטארן, און די קאנדידאטן זענען געווען מענטשן וואס זענען געווען אנגעזען צוליב זייער עשירות אדער געלערנטקייט. די ארעמע קלאסן זענען ניט געווען פארטראטן. זענען טאקע אפט ארויסגעשטעלט געווארן שווערע טענות און באשולדי-קונגען מצד דעם פשוטן פאלק קעגן די בעלי בתים פון דער קהילה.

עס זענען אויך פארגעקומען פראצעסן צווישן איין קהילה און א צווייטער וועגן די גרענעצן פון א באשטימטן ראיאן, ווייל די רעגו-לאציעס פון לאנד האבן ניט גענוי פעסטגעשטעלט צו וועלכער קהילה די קלענערע, ווייטערע ישובים געהערן. אזעלכע פאלן פלעגן געבראכט ווערן צו די הויפט קהילות פון די ראיאנען, אדער צום ועד ארבע ארצות און דעם ועד פון די ליטווישע קהילות.

די דאזיקע צענטראליזאציע האט אסך געהאלפן צו סטאביליזירן די יידישע אויטאנאמיע אין פוילן פון יענער צייט. מיט די ועדים

13 צוויי [illegible] ווען דער ייִדישער קהילה-לעבן [illegible],
[illegible]
אַנדערע ערטער אויך אַזאַ [illegible] פּאַרטיי [illegible]
פֿאַר ״ניקונע״

זענען אויך געווען פארבונדן ספּעציעלע מענטשן, שתדלנים, וואס האבן זיך איינגעשטעלט ביי דער רעגירונג פאר יידישע רעכט אדער באשטימטע בקשות. דער ועד ארבע ארצות האט געהאט זיין רעגולערן צוזאמענקום איין מאל, אדער צוויי מאל אין יאר אין לובלין און יאראסלאוו, אין דער צייט פון די יארידים. דער ליטווישער ועד איז זיך צוזאמען געקומען אין פארשיידענע שטעט אין ליטע.

די אויפגאבע פונעם ועד איז באשטאנען, חוץ איינמאנען שטייערן, אין אויפהאלטן ישיבות, תלמוד תורות, קאנטראלירן לימודים. דער ועד ארבע ארצות האט אויך אכטונג געגעבן אויף ספרים. בלויז אזעלכע וואס האבן געהאט הסכמות זענען אויטאריזירט געווארן. די ארטיקע קהילות האבן דורכגעפירט די איבעריקע פונקציעס ווי צדקה, אכטונג געבן אויף ארטיקע רעליגיעזע ענינים, א.א.וו.

אין 1764 האט די פוילישע רעגירונג דורכגעפירט א געזעץ וואס האט שווער געטראפן די קהילות. זי האט באשלאסן צו מאנען צוויי גילדן פון יעדן רעגיסטרירטן יידן, ניט קיין אלגעמיינע סומע פון אלע יידן. דאס האט געמאכט פון דער קהילה בלויז אן איינמאנ-אגענטור, אבער זי האט מער ניט געקענט באשטימען ווי אזוי צו פארטיילן די שטייערן. צוליב דעם האט די רעגירונג מער ניט געדארפט די קהילה פאר אירע הכנסה-צוועקן, האט מער ניט געהאלטן פאר וויכטיק איר אויטאריטעט.

VI. <u>אין ניינצנטן און צוואנציקסטן יארהונדערט.</u>

אין ניינצנטן יארהונדערט, און ביז דער צווייטער וועלט-מלחמה, האט דאס יידישע קהילה-לעבן אנגענומען פארשיידענע פארמען אין פארשיידענע לענדער. דער עיקר זענען געווען צוויי הויפט טיפן: אזא וואו דאס ארגאניזירטע יידישע לעבן ווערט געזעצלעך אנערקענט פון דער מלוכה און אזא וואו עס איז בלויז א פריוואטע פאראייניקונג.

<u>פראנקרייך</u>

אונטער נאפּאלעאן ב איז אין 1808 איינגעפירט געווארן די

אין 1809 איז פֿראַנקרײַך איז אײַנגעפֿירט געוואָרן די ייִדישע
קאָנסיסטאָריע. פֿונקציע — ז. אויפֿזיכטונג צו מאַכן אין סינאַגאָגעס
רבנישע ענינים, חינוך, און זיי האָבן ~~ד~~ [illegible] אָפּגעבן
ייִדישע [illegible] צו דער מלוכה וועגן דער צאָל [illegible]
[illegible] דער [illegible]. דער רעגירונג האָט זיי אונטערשטיצט.
די קאָנסיסטאָריע איז צעטיילט געוואָרן אויף דיסטריקטן.
דיסטריקט דאַרף האָבן 2000 ייִדן.

אין 1905 זענען אונטער די קאָנסיסטאָריעס [illegible]
ווײַל מען האָט געטיילט די קירכע פֿון דער מלוכה.
בלויז אין צוויי שטאַט געבליבן. די לעצטע [illegible]
[illegible]

יידישע קאנסיסטאריע. אירע אויפגאבעס זענען געווען אכטונג צו געבן אויף סינאגאגעס, רבנישע ענינים, חינוך, און זיי האָבן געדארפט אָפּגעבן יערלעכע באריכטן צו דער מלוכה וועגן דער צאָל יונגע-לייט פאר דער ארמיי. די יידישע באאמטע האָבן באקומען זייער געהאלט פון דער רעגירונג.

די קאָנסיסטאָריע איז צעטיילט געוואָרן אויף דיסטריקטן. יעדע געגנט מיט לכל הפחות 2000 יידן איז געווען אזא דיסטריקט. דער דיסטריקט האָט געהאט א רב הכולל, און דער פירנדיקער קאָמיטעט איז באשטאנען פון צוויי רבנים און דריי באלעבאטים. די באלעבאטים זענען גענומען געוואָרן פון די יחוסדיקע פאמיליעס. אלע דיסטריקטן זענען געשטאנען אונטער דער השגחה פון דער צענטראלער קאָנסיסטאָריע אין פאריז.

אין 1905 גייען אונטער די געזעצלעך-אנערקענטע קאָנסיסטאָריעס, ווייל עס איז דורכגעגאנגען א געזעץ מען זאָל אפטיילן די קירך פון דער מלוכה. בלויז אין עלזאס און לאָטערינגען בלייבט די לאגע ווי פריער. פון דעמאָלט אָן ווערט דאָס אָרגאניזירטע יידישע לעבן אין פראנקרייך פארוואנדלט אין א פרייוויליקער פאראייניקונג, וואָס איר צענטער געפינט זיך אין פאריז.

<u>דייטשלאנד</u>

אין יעדער פון די פארשיידענע מער אָדער ווייניקער אויטאָנאָמע פראָווינצן, פון וועלכע דייטשלאנד איז באשטאנען, איז דער לעגאלער סטאטוס פון דער יידישער קהילה געווען א ביסל אנדערש. אין געוויסע צייטן האָט די קהילה געהאט דאָס רעכט צו צווינגען יעדן יידן צו געהערן צו איר, צו צאָלן שטייערן און אויספאָלגן אירע באשלוסן. אונטער דער ווייאמאר-קאָנסטיטוציע איז יעדע רעליגיעזע פאראייניקונג געווען פריי אין די ראמען פון געזעץ. א ייד איז ניט געווען געצוואונגען צו געהערן צו דער קהילה, אָבער די, וואָס זענען געווען פארשריבן אין איר, זענען מחויב געווען צו צאָלן די שטייערן, וואָס זי

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

האט ארויפגעלײגט. פרויען האבן אויך באקומען דאס רעכט צו שטימען. אין 1928, למשל, זענען אײן פרײַען -- וואו עס האבן געוואוינט די גרעסטע צאל דײַטשישע יידן -- געווען 60,000 שטײַער-צאלער וואס האבן אריינגעבראכט 6,000,000 מארק. די הכנסה פון דער קהילה האט געזארגט פאר רעליגיעזע באדערפעניש, ווי רב, מקוה, בית עולם, סינאגאגע, כשר פלייש, פאר אלגעמיין יידישע ענינים, פאר שולן, ביבליאטעקן, צדקה, און אדמיניסטראטיווע הוצאות. אין געוויסע שטעט, למשל בערלין און פראנקפורט, זענען אויך געווען באזונדערע ארטאדאקסישע קהילות.

עס זענען אויך געווען צענטראלע פארבאנדן, ארגאניזירט לויט פראווינצן, ווי זאקסן, באדן, ווירטעמבורג, א.א.וו. זייער הויפט עובדא איז געווען צו שטיצן די שוואכערע קהילות, שאפן אינסטיטוציעס פאר אלע יידן פון דער פראווינץ און זיי פארטרעטן ביי פאסיקע געלעגנהייטן. די פארבאנדן זענען באשטאנען פון דעלעגאטן פון איינצלנע קהילות.

פוילן

די פארם פון דער יידישער קהילה אין פוילן נאך דער ערשטער וועלט-מלחמה איז איינגעשטעלט געווארן אין 1927. די יידן פון יעדער שטאט האבן פארמירט אן איינס וואס איז אנערקענט געווארן פון געזעץ. יעדער ייד האט געמוזט געהערן צו דער קהילה פון זיין שטאט, צאלן די ארויפגעלייגטע שטייערן פאר רעליגיעזע נויטן, צדקה, חינוך, א.א.וו. עס זענען אבער אויך געווען געזעלשאפטלעכע ארגאניזאציעס וואס האבן דורכגעפירט קהילה פונקציעס, ווי דער אמעריקאנער דזשוינט, טאז -- „געזעלשאפט צו פארהיטן דאס געזונט פון דער יידישער באפעלקערונג," צענטאז -- „צענטראלע יתומים שוץ," ייווא -- „יידישער וויסנשאפטלעכער אינסטיטוט." די מלוכה האט קאנטראלירט די טעטיקייטן פון די קהילות און זייערע בודזשעטן.

אין קליינע קהילות (ביז 5000 נפשות) איז געווען בלויז א

3,500,000

קהילה פאַרוואַלטונג, און עקזעקוטיווער אָרגאַן וואָס ז'אָ האָט אויך געהאַט אויף זיך לעגיסלאַטיווע פונקציעס. אין גרעסערע שטעט איז געווען אַ באַזונדער לעגיסלאַטיווער אָרגאַן, – דער קהילה-ראַט, – און ער האָט פון זיך אויסגעקליבן אַ פאַרוואַלטונג פאַר עקזעקוטיווע צוועקן. די וואַלן צום ראַט זענען געווען אַלגעמיינע, דירעקטע, געהיימע, און פּראָפּאָרציאָנעלע, לויט די יידישע פּאָליטישע פּאַרטייען און דער צאָל שטימען, וואָס יעדע פון זיי האָט באַקומען ביי פריערדיקע וואַלן.

די יידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען האָבן זיך אין קהילה-ראַט איינגעשטעלט דערפאַר, אַז אַ גרעסערער חלק פון די הכנסות זאָל אויסגעגעבן ווערן אויף אַזעלכע נויטן וואָס האָבן ניט צו טאָן מיט רעליגיעזע באַדערפעניש. צוליב דעם און אויך צוליב דער שלעכטער לאַגע אין די לעצטע יאָרן פאַר דער צווייטער וועלט-מלחמה, האָבן די קהילות איינגעשלאָסן אין זייער טעטיקייט אַזעלכע אויפגאַבעס ווי סאָציאַלע פאַרזאָרגונג, מיטלען קעגן אַרבעטסלאָזיקייט, הילף צו וועלטלעכע שולן, א.א.וו.

צווישן אַלע יידן אויף דער וועלט, מיטן אויסנאַם פון ארץ ישראל, האָט דער יידישער ישוב אין פּוילן, מיט זיינע 3,500,000 יידן געפירט אַ יידיש לעבן אויפן אינטענסיווסטן אופן. ער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אַ ריזיקער צאָל אינסטיטוציעס פאַר הילף און זאָרג פאַרן כלל. זיין קהילה-באַוואוסטזיין האָט דערגרייכט די העכסטע מדרגות.

<u>סאָוויעטן פאַרבאַנד.</u>

דער סאָוויעטן פאַרבאַנד איז געבויט אויפן פּרינציפּ פון אַבסאָלוט גלייכע רעכט פאַר אַלע פעלקער וואָס באַוואוינען די רוסישע ערד. דאָס לאַנד באַשטייט פון 16 זעלבשטענדיקע רעפּובליקן. אין די ראַמען פון די באַזונדערע רעפּובליקן זענען פאַראַן אויטאָנאָמע געגנטן און ראַיאָנען פאַר די פעלקער וואָס האָבן אַ מערהייט אין די פאַרשיידענע פלעצער. אָבער די אויטאָנאָמיע איז פאַרן פאָלק פון אַ באַשטימטער טעריטאָריע און נעמט ניט אַרום אַלע ישובים וואָס געהערן צום זעלביקן פאָלק ווען זיי געפינען זיך אין פאַרשיידענע אויטאָנאָמע איינסן. דעריבער זענען די יידישע

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

ביראָגער פון סאָוויעטן פאַרבאַנד ניט באַטראַכט געוואָרן ווי אַן אַלגעמיינע נאַציאָנאַלע גרופּע ביז דער גרינדונג פון דער אויטאָנאָמער געגנט ביראָ בידזשאַן. איצט קומט אויס, אַז די עטלעכע און צוואַנציק טויזנט יידן פון ביראָ בידזשאַן האָבן אַ פאַרשטייערשאַפט אין נאַציאָנאַליטעטן-ראַט פון דער סאָוויעטישער מלוכה, בעת די איבעריקע עטלעכע מיליאָן יידן האָבן דאָס ניט.

יידן האָבן פולע רעכט גלייך מיט אַלע פעלקער, אָבער ס'איז ניט פאַראַן קיין צענטראַלער אָרגאַן וואָס זאָל פאַרבינדן, למשל, די יידן פון דער ווייס-רוסישער רעפּובליק מיט די יידן פון דער אוקראַיינישער רעפּובליק. קומט אויס, אַז פאַר יידן וואָס זענען צעשפּרייט איבער פאַר-שיידענע געגנטן און רעפּובליקן איז ניט מעגלעך קיין שום נאַציאָנאַלע שותפות. זיי ווערן ניט אַנערקענט ווי אַ נאַציאָנאַלע איינס.

יידן האָבן דאָס רעכט צו בויען אייגענע שולן, אַפילו געריכטן, אויפן חשבון פון דער מלוכה. דאָך צוליב דער דערמאָנטער סיבה האָט דאָס זיך געקענט העלפן, אַז דאָס יידישע קהילה-באַוואוסטזיין זאָל זיך קענען פאַרשטאַרקן. אָבער צוליב די גלייכע רעכט וואָס יידן געניסן אין יענעם לאַנד איז מעגלעך געווען עס זאָל דאָרט געשאַפן אַ יידישע וויסנשאַפט, ליטעראַטור, שולן וואו אַלע לימודים ווערן געפירט אין יידיש און אַנדערע אָנגעזעענע דערגרייכונגען.

אין 1931 זענען אין סאָוויעטן פאַרבאַנד געווען 67 יידישע געריכטן. פון זיי זענען 46 געווען אין אוקראַינע, 10 אין ווייס-רוסלאַנד און 11 אין מערב גרויס-רוסלאַנד. די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פון די דאָזיקע געריכטן איז ניט באַקאַנט. יידישע שולן, וואו מען לערנט אויף יידיש, האָבן סוף 1940 פאַרמאָגט בערך 85 - 90 טויזנט קינדער. פון זיי זענען אין אוקראַינע געווען אַרום 50 טויזנט קינדער, אין ווייס-רוסלאַנד אַרום 25 טויזנט, אין ביראָ בידזשאַן 3 טויזנט, אין קרים 3 טויזנט, אין די מערב געגנטן פון גרויס-רוסלאַנד, 5 טויזנט, און עטלעכע טויזנט אין די איבעריקע טיילן פון לאַנד. ביזן אָנהייב פון דער מלחמה זענען אויך

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

געווען 5 יידישע נאציאָנאַלע ראַיאָנען: קאַלינינדאָרף, נ"-זלאַטאָפּאָל, סטאַלינדאָרף, פריידאָרף און לארינדאָרף. די ערשטע 3 זענען אין אוקראַינע, די לעצטע 2 אין קרים. אין נאַציאָנאַלע ראַיאָנען קאָנען די אדמיניסטראַציע, געריכט-פּראָצעדור און בילדונג-סיסטעם געפירט ווערן אין דער שפּראַך פון דער נאַציאָנאַלער מערה"ט.

פּריווילעגיע פּאַראַניקונגען - פּאַראַניקטע שטאַטן

יידן האָבן זיך אָן צו באַזעצן אין די ערשטע קאָלאָניעס אין 17טן יה. די אימיגראַנטן פון יענער צייט, און פון 18טן יה, זענען על פּי רוב געווען ספרדים. זיי זענען געקומען פון האָלאַנד, ענגלאַנד, בראַזיל און די וועסט אינדיעס. אין 19טן יה איז די גרעסטע צאָל יידישע אימיגראַנטן געקומען פון דייטשלאַנד, און זיי האָבן גלייך אָנגעהויבן שפּילן א דאָמינירנדיקע ראָלע אין היגן יידישן לעבן. ערשט ביים סוף פון 19טן און אָנהייב 20טן יה באַווייזט זיך א יידישע מאַסן-אימיגראַציע פון מזרח-אייראָפּע. די דאָזיקע יידן, און זייערע קינדער, שטעלן מיט זיך פאָר דעם גרעסטן רוב פון איצטיקן יידישן ישוב אין אמעריקע.

רעליגיעזע אינסטיטוציעס

אין א לאַנד וואו די פאַרבינדונג צווישן יידן איז אין גאַנצן פרייוויליק איז נאַטירלעך, אַז דער ערשטער צענטער פון אָרגאַניזירטן צוזאַמענקום זאָל זיין דער אלטער בית הכנסת, די סינאַגאָגע. די געשיכטע פון דער דאָזיקער אינסטיטוציע, מיט איר ארומנעמען די פאַרשיידנסטע רעליגיעזע און געזעלשאַפטלעכע באַדערפעניש, האָט זי באַזונדערס צוגעפּאַסט צו זיין דער זאַמל-פּלאַץ פאַר די יידן וואָס זענען געקומען אהער פון אַסך לענדער און שטעט און זיך גענייטיקט דאָ צו שאַפן אַן איינגעזעסן לעבן, געזעלשאַפטלעכן קאָנטאַקט, אַן אויסדרוק פאַר די פאָדערונגען פון זייער יידישקייט, און פאַרשיידענע פאָרמען פון העלפן זיך איינער דעם אנדערן און יידן בכלל.

אין דער ערשטער העלפט פון 19טן יה איז די סינאַגאָגע אין דייטשלאַנד דורכגעגאַנגען א טיפע אינערלעכע איבערשטעלונג וואָס האָט זיך אויך

[illegible]

<u>[illegible]</u>

[illegible]

<u>[illegible]</u>

[illegible]

[illegible]

אפגערופן אויף אנדערע לענדער, עס האט זיך געשאפן א ריס צווישן דער איינגעווארצלטער ארטאדאקסישער טראדיציע פון איין זייט, און דעם פארלאנג צו רעפארמירן דעם גאנצן שטייגער פון יידישן לעבן פון דער אנדערער. אין אמעריקע האט זיך דאס אויסגעדריקט אינעם אויפקום פון דריי סינאגאגישע סיפן: ארטאדאקסישער, קאנסערוואטיווער און רעפארמירטער. לעצטנס איז צוגעקומען נאך א טיפ וואס זיינע אנהענגער רופן זיך רעקאנסטרוקציאניסטן.

דער אויסדרוק „ארטאדאקסישע יידן" האט נים עקזיסטירט ביזן 19טן יה", ווייל ביז דעמאלט זענען אלע יידן געווען פונעם זעלביקן שניט. ערשט ווען עס איז אויפגעקומען די באוועגונג צו רעפארמירן יידישקייט האט מען גענומען רופן ארטאדאקסן די וואס האבן נים געוואלט אפטרעטן פון דער טראדיציע וואס איז שוין אלט טויזנטער יארן. די דאזיקע טראדיציע איז געבויט אויף דער אמונה אז די תורה איז אנטפלעקט געווארן פון גאט צום יידישן פאלק און איז געגעבן געווארן דורך משהן אויפן בארג סיני. די גאנצע תורה שבכתב ווייזט אן א באשטימטן דרך אין אלע צווייגן פון לעבן. די שפעטערדיקע תורה שבעל פה, און אלע מפרשים וואס קומען נאך דעם, טייטשן: אויב די תורה אזוי אז יעדער ייד זאל האבן פאר זיך אן אנזאג ווי אזוי ער דארף זיך פירן פערזענלעך און געזעלשאפטלעך.

אלע פרטים פון יידישן אויפפירן ווערן איינגעטיילט אין 613 מצוות. די מצוות זענען צעטיילט אויף פאזיטיווע, זאכן וואס מען דארף טאן, (מצוות עשה), און נעגאטיווע, זאכן וואס מען טאר נים טאן (מצוות לאתעשה). פונעם ערשטן מין זענען פאראן 248 (רמ"ח), און פון צווייטן 365 (שס"ה). דאס אלץ האט אין 16טן יה" רבי יוסף קארו, קאדיפיצירט אין זיין ווערק שולחן ערוך, וואס איז דער אויטאריטאטיווער טעקסט פאר יידישקייט ביי אלע פרומע יידן.

די גרעסטע צאל יידן אין אמעריקע וואס געהערן בכלל צו סינאגאגעס געהערן צו דער ארטאדאקסיע, אבער זיי זענען נים אזוי אייניק צווישן זיך ווי אין אמאליקע יארן. זיי האבן א צענטראלע ארגאניזאציע (Union of Orthodox Jewish Congregations) און א פרויען-צווייג פון דער דאזיקער צענטראלע וואס פירט אויך אן די „הבנות", א פאראייניקונג פון ארטאדאקסישע

יוגנטלעכע מיידלעך. דאס אלץ האט אבער זייער אינערלעכע איינ{י}קייט ניט. געשטארקט: דעריבער בעפינען מיר ביי זיי עטלעכע סעמינארן אויף אויסצו־בילדן לערער, רבנים און כלי קודש, און עטלעכע רבנים ארגאניזאציעס. זיי אונטערשיידן זיך אין דער מאס עקסטרעמקייט מיט וועלכער זיי האלטן זיך, סיי טעארעטיש, סיי פראקטיש, ביי די דרכים פון דער טראדיציאנעלער ירושה. זיי צייכענען זיך אבער אלע אויס מיט זייער מיליטאנטישער קעגנערשאפט צו ביטן אפילו אויפן מילדסטן אופן יענע טראדיציעס וואס זיי האלטן פאר ווארצלדיק אין יידישן לעבן, גענוי וויפיל סינאגאגעס זיי האבן, און וויפיל מיטגלידער עס זענען פאראן אין זיי, דאס איז ניט באקאנט.

דער שאפער פון קאנסערוואטיווער יידישקייט איז ר' זכריה פרענקל, א יידישער געלערנטער אין דייטשלאנד אין ני[...]ן יארהונדערט. אין אמעריקע איז דער דאזיקער טיפ יידישקייט פארשפרייט געווארן אונטער דער איניציאטיווע פון ד"ר. סאלאמאן שעכטער און ד"ר. סירוס אדלער. אנדערש פון די ארטאדאקסן האלטן די קאנסערוואטיוון, אז כאטש פונדאמענטאל דארף יידישקייט בלייבן ווי געווען זענען אבער פאראן נייע פאדערונגען אין יעדער צייט און לאנד צו וועלכע יידישקייט דארף זיך צופאסן, ממילא זיך ביטן אין פרטים. זיי האלטן אויך, אז דאס אלץ דארף גיין צוזאמען מיט פארשן יידישע היסטארישע ווערטן דורך מאדערנע וויסנשאפטלעכע מעטאדן.

אין קאנסערוואטיווע סינאגאגעס דאוונט מען אין היטלען, אבער פרויען און מענער זיצן צוזאמען. די טראדיציאנעלע תפילות זענען פארקירצט, אסך פון זיי אין ענגליש, אבער לשון קודש פארנעמט זייער אן אנגעזעענעם פלאץ. אזעלכע איינפירן ווי לולב, הקפות, קידוש, וואס זענען ביי די רעפארמער אין גאנצן ניטא, ניט געווען, לכל בפחות, ביז די לעצטע יארן, שפילן א וויכטיקע ראלע ביי די קאנסערוואטיוון. בעת די רעפארמער האבן זיך היסטאריש אנטוויקלט, אויפן פרינציפ, אז יידן זענען בלויז אנהענגער פון א באשטימטער רעליגיע, שטרייבן אונטער די קאנסערוואטיוון די נאציאנאלע עלעמענטן פון יידישן פאלק. ציוניזם און דער אויפבוי פון יידישן פאלק אין ארץ ישראל איז א טייל פון זייער גאנצער פילאזאפיע פון יידישקייט.

[illegible]

[illegible]

[illegible]

זיי טיילן זיך אויך אָפּ פון דער אָרטאָדאָקסיע און גלייכן זיך אויס מיט די רעפאָרמער אין דעם וואָס זיי שטעלן ניט קיין באַשטימטע רעליגיעזע פאָדערונגען אין פּריוואַטן לעבן פון זייערע אָנהענגער.

די צענטראַלע פון אַלע זייערע סינאַגאָגעס איז די United Synagogues of America וואָס ציילט איצט אַרום 450 קאָנגרעגאַציעס. זיי פאַרמאָגן אויך א פרויען-ליגע, א ליגע פון יונגעלייט, און א לאַנד-פעדעראַציע פון מענער-קלובן. דער יידישער טעאָלאָגישער סעמינאַר, א לערן-אינסטיטוציע וואו עס ווערן געלערנט העברעאישע יידישע לימודים, מיט ספּעציעלע אָפּטיילונגען פאַר רבנים און העברעאישע לערער, איז דער אַקאַדעמישער און גייסטיקער צענטער פון די קאָנסערוואַטיוון.

פּונקט ווי קאָנסערוואַטיזם אַזוי האָט אויך רעפאָרמירטע יידישקייט זיך אָנגעהויבן ווי א באַוועגונג אין דייטשלאַנד, אין 19טן יה". צוזאַמען מיטן קאַמף פאַר גלייכע רעכט האָבן טייל יידן, ווי למשל גבריאל ריסער, געטענהט, אַז דאָס קען מיט אַן אמת דורכגעפירט ווערן ערשט דעמאָלט ווען יידן וועלן אויפגעבן אַלץ וואָס טיילט זיי אָפּ פון דער איבעריקער ניט-יידישער באַפעלקערונג. זיי דאַרפן אויפהאַלטן בלויז דאָס וואָס האָט א שייכות צו רעליגיעזער אמונה און עטישע פּרינציפּן.

אונטער דער פירערשאַפט פון רעפאָרמירטע רבנים, ווי אברהם גייגער, שמואל האָלדהיים, און אַנדערע, האָט די דאָזיקע גרופּע איינגעפירט די ווייטגייענדיקסטע טעאָרעטישע און פּראַקטישע ענדערונגען. טעאָרעטיש האָבן זיי זיך איינגעשטעלט פאַרן געדאַנק, אַז יידישקייט איז ניט קיין קולטור פון א פאָלק נאָר א רעליגיע פון עטישע ווערטן. יידן זענען בלויז א רעליגיעזע גרופּע וואָס איר מיסיע איז צו פאַרשפּרייטן די פּרינציפּן פון אמת און יושר, און דאַרף זיין א מוסטער פון גערעכטיקייט פאַר אַלע פעלקער. אחוץ אין די דאָזיקע זאַכן דאַרפן יידן זיך באַטראַכטן ווי א טייל פונעם פאָלק צווישן וועלכן זיי געפינען זיך. דאָרט איז אויך אונדזער אמתע היים, און דאַרף ניט באַטראַכט ווערן ווי גלות. ממילא דאַרף מען אַרויסוואַרפן פון די תפילות די האָפענונג אויף גאולה, אויף משיח, און יעדע שייכות מיט ציון און ירושלים.

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

רעפארמירטע טעמפלען זײַנען אויפגעקומען אין אסך לענדער, און שפעטער, אונטער דער איניציאטיוו פונעם דײַטשישן אימיגראנט, ראבײ יצחק הירש ווײס, אויך אין אמעריקע. זײ האבן זיך אפגעזאגט פון וועלכן ניט איז שולחן ערוך, פון טראדיציאנעלער יידישער מוזיק בײַם דאווענען, פון כשרות, פון „יום טוב שני של גליות". זײ האבן פאלן געביטן דאס שבת-דאווענען אויף זונטיק. זײ האבן בכלל אפגעווארפן אדער גרינטלעך געביטן אלע צערעמאניאלן און ריטואלן פון דער גאנצער יידישער טראדיציע. זײ האבן אויך ארויסגעווארפן במעט יעדן סימן פון לשון קודש אין די תפילות, אזוי אז אלץ ווערט געפירט אין ענגליש. זײער בית הכנסת ווערט גערופן טעמפל און דער גאנצער אינטעריער זײַן איז אויסגעשטעלט געווארן אזוי, אז ער זאל זיך וואס ווייניקער אונטערשיידן -- אפילו אין די קלײדער פון די כלי קודש --- פון דער קריסטלעכער קירך.

אין די לעצטע יארן איז פארגעקומען א גרינטלעכער איבערבײַט אינעם צוגאנג פון רעפארמירטער יידישקײט צום יידישן לעבן. אין 1885 איז אנגענומען געווארן די אזוי-גערופענע „פיטסבורגער פלאטפארם" אויף דער זיצונג פון דער צענטראלער קאנפערענץ פון די אמעריקאנער ראבײַם. דארט זאגט זיך:

„מיר אנערקענען אין דער מאזאאישער געזעצגעבונג א לערן-סיסטעם פארן יידישן פאלק ווי אן אויפגאבע בעת זײַן נאציאנאלן לעבן אין ארץ ישראל, און הײַנט נעמען מיר אן ווי א מוז בלויז אירע מאראלע געזעצן, און האלטן אן בלויז אזעלכע צערעמאניעס וואס דערהײבן און הייליקן אונדזער לעבן, אבער מיר ווארפן אפ אלץ וואס איז ניט צוגעפאסט צום קוק און צו די מנהגים פון דער מאדערנער ציוויליזאציע... מיר האלטן זיך ניט מער ווי א פאלק, נאר בלויז ווי א רעליגיעזע עדה".

אין דער לעצטער צײַט, אין 1937, האט די זעלביקע קערפערשאפט, צו-זאמען מיט דער צענטראלע פון אלע טעמפלען, אנגענומען א רעזאלוציע גאר אין אן אנדער גײַסט:

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

„היות ווי דאס רעפארמירטע דאווגען האט דערלאזן, אז אסך
סימבאלן, מנהגים, א.א.וו., פון טראדיציאנעלן יידישן
דאווגען זאלן אוועק פאלן, און
היות דער דאזיקער צונויפקום פילט, אז אסך פון אט די
פארמען דארפן צוריק אריינגעבראכט ווערן, צוליב דעם
באשליסן מיר . . .״

און דא קומט א גאנצע ריי רעקאמענדאציעס וואס קערט אום דעם טעמפל
צו מער טראדיציאנעלע וועגן אין שייכות צו טראדיציאנעלער מוזיק,
קידוש, סוכות, פורים, חנוכה, פסח, א.א.וו. ווייטער הערט געזאגט, אז:

„דאס איז אין הסכם מיט דער גרונט-פילאזאפיע פון רע-
פארמירטער יידישקייט צו בייטן און שאפן שטייגערס און
צערעמאניעס לויט די נויטן און דעם גייסט פון גערייטענע
תנאים אין יידישן לעבן״.

הייסט עס, אז די אנפירער פון דער רעפארם באוועגונג האלטן, אז איצט
האט זיך געשאפן א מער פאלקישער גייסט אין דער יידישער וועלט.

עס זענען פאראן ארום 300 טעמפלען און זיי זענען אלע פאראייניקט
אין דער Union of American Hebrew Congregations. די „יוניאן״ האט
אויך ארגאניזירט ארום זיך „ברודערש בנין״ און „שוועסטערשאפטן״. זיי
פארמאגן אויך א העכערן לערן-אנשטאלט, דעם „היברו יוניאן קאלעדזש״
אין סינסינאטי, אהייא, וואס באזארגט מיט ראביים די רעפארמירטע טעמפלען.
די דאזיקע אינסטיטוציע עקזיסטירט שוין זינט 1875.

פונקט ווי די קאנסערוואטיוון פארנעמען א מיטעלע פאזיציע צווישן די
ארטאדאקסן און די רעפארמער אזוי האט זיך אויך אונטער דער איניציאטיוו
פון ד״ר. מרדכי קאפלאן געשאפן א יידיש-רעליגיעזער טיפ וואס איז צווישן
די קאנסערוואטיוון און די רעפארמער. דאס איז נאך א יונגע באוועגונג,
געבוירן געווארן ערשט אין די דרייסיקער יארן, אבער זיי האבן שוין בא-
וויזן צו ציען אויף זיך אסך אויפמערקזאמקייט צוליב זייערע געדאנקען וועגן
יידישקייט און וועגן די אויפגאבעס פון יידן אין אמעריקע.

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

דער הויפט געדאנק פון ד"ר. קאפלאן איז, אז "יידישקייט איז א ציוויליזאציע", א רעליגיעזע ציוויליזאציע, ר"ה, אין יידישקייט זענען פאראן זאכן וואס האבן א שייכות בלויז צו רעליגיע, ווי למשל דער גלויבן אין גאט אין אלע אופנים פון רעליגיעזן אויסלעבן זיך. עס זענען אבער אויך פאראן זאכן וואס האבן אן אלגעמיינעם אדער א וועלטלעך נאציאנאלן כאראקטער, ווי אן אייגענע שפראך, אדער שפראכן, ליטעראטור, פאלקלאר, און א לאנד, ארץ ישראל, וואס דארף באטראכט ווערן ווי די היים פון יידישן פאלק. די רעקאנסטרוקציאניסטן האלטן דעריבער, אז אלע טראדיציאנעלע סימבאלן, און אלץ וואס איז ווארצלדיק אין יידישן לעבן, דארף אפגעהיט ווערן. דאס הייסט אויך, אז העברעאיש דארף פארנעמען א וויכטיקן פלאץ אין דאוונען.

אויף אזוי ווייט איז פאראן א קליינע פראקטישע נפקא מינה צווישן זיי און די קאנסערוואטיוון. זיי האלטן אבער מיט די רעפארמער בנוגע געוויסע גלויבנס און דעם אינהאלט פון די תפילות. א מאדערנער מענטש, האלטן זיי, גלייבט ניט אין אזעלכע זאכן ווי תחית המתים, אדער אין דער בחירה פון יידישן פאלק. ממילא דארף מען פון די תפילות ארויסנעמען אלע אזעלכע שטעלן. זיי האבן טאקע צונויפגעשטעלט אן הגדה אויף פסח, און א סידור צו דאוונען שבת, וואו אלץ וואס איז זיי ניט צום הארצן, אדער אין וואס זיי גלייבן ניט, האבן זיי אויסגעלאזן, געביטן, און עפעס אנדערש אריינגעשטעלט.

די צאל רעקאנסטרוקציאניסטן איז גאנץ קליין. זיי זענען ארגאניזירט אין א "יידישע רעקאנסטרוקציאניסטישע פונדאציע" אין ניו יארק, וואס פארמאגט בערך 500 מיטגלידער. זיי גיבן ארויס א צווייוועכנטלעכע פובליקאציע און אויך פאמפלעטן פון צייט צו צייט.

<u>חינוך</u>

גלייך ווי יידן האבן זיך באזעצט אין אמעריקע האבן זיי דא געפונען בלויז קריסטלעך-רעליגיעזע סקולס וואס זענען געווען פארבונדן מיט קירכעס. ממילא האבן זיי געבויט שולן וואו די יידישע קינדער האבן

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

באקומען סיי די אלגעמיינע, סיי די יידישע בילדונג. אבער נאכן בירגער-קריג, ווען די פּאַבליק סקול האט אנגעהויבן צו וואקסן, האָבן זיך ביי יידן פארשפּרייט נאָכמיטאָג שולן, אָדער תלמוד תורות. אויך א קליינע צאל גאנצע שולן זענען פארבליבן, אָבער זיי האבן זיך ניט שטארק פארמערט ביז אין די לעצטע צייטן. דאָס רוב פון זיי רופן זיך איצט ישיבות.

אין די תלמוד תורות לערנט מען 5 טעג א וואך. די פראגראם באשטייט פון העברעאיש, תנ"ך, סידור, יידישע געשיכטע, דינים און מנהגים, צערעמאָניאלן, ארץ ישראל, אין טייל פון זיי לערנט מען אויך יידיש. זיי זענען זעלבשטענדיקע ארגאניזאציעס און זארגן אליין פאר זייערע בודזשעטן.

שפּעטער זענען אויפגעקומען אזעלכע שולן וואָס זענען בודזשעטאריש פארבונדן מיט קאָנגרעגאציעס און געפינען זיך אין זייערע געביידעס. זיי רופן זיך קאָנגרעגאציאָנעלע שולן, און זענען איצט די גרעסטע, אין צאל, יידישע נאָכמיטאָג שולן אין לאנד. די קאָנסערוואטיווע סינאַגאָגעס האלטן אויס א גרויסע צאָל פון די דאזיקע שולן. די לימודים זענען במעט די זעלבקע ווי אין תלמוד תורות, באטש די לערן-שעהן זענען ווייניקער. די רעפאָרם-יידן פירן אן אין זייערע טעמפּלען זונטיק-קלאסן. די הויפּט-לימודים זענען דא יידישע געשיכטע, תנ"ך אין ענגליש, יום טוב מנהגים און יידישע ניס. אין טייל פון זיי לערנט מען אויך העברעאיש, אבער זיי קענען קיין סך ניט אויפטאן צוליב דוחק אין צייט.

די וועלטלעכע יידן האבן אנגעהויבן צו בויען שולן פאר קינדער אין 1910. לכתחילה האָבן דאָס געטאן די פּועלי ציון צוזאמען מיטן יידיש-נאציאנאלן ארבעטער פארבאנד. דערנאך זענען אין ניו יארק צוגעקומען די שלום עליכם פאָלק-שולן, אין גאנצן א זעלבשטענדיקע ארגאניזאציע, און צום סוף דער ארבעטער רינג וואָס האט געבויט יידישע שולן איבערן גאנצן לאנד. ווען עס האָט זיך, אין די צוואנציקער יארן, אנגעהויבן די מחלוקת צווישן סאציאליסטן און קאָמוניסטן האָבן זיך די לעצטע און זייערע פריינד אָפּגעריסן פון ארבעטער רינג, און אונטער דער פירערשאפט פון דער יידישער אפטיילונג פון אינטערנאציאָנאלן ארבעטער אָרדן -- וואָס רופט זיך

איצט „יידישער פאלקס ארדן" -- זענען געעפנט געווארן ארדן-שולן אין אסך שטעט.

אין די אלע פיר סארטן שולן איז יידיש די לערן-שפראך, און יידישע ליטעראטור פארנעמט א וויכטיקן פלאץ. פונקט אזא וויכטיקן פלאץ פארנעמט אויך יידישע געשיכטע. עס ווערן אויך געלערנט דינים און מנהגים בכלל און פון ימים טובים בפרט אין א סימפאטישער באלייכטונג. אויך תנ"ך האט לעצטנס אנגעהויבן צו פארנעמען ביי זיי א פלאץ אין די לימודים. אין די פארבאנד-שולן איז שוין פריער געווען איינגעפירט דער לימוד.

דער אונטערשייד צווישן זיי באשטייט אין דעם וואס אין די פארבאנד-שולן איז די טענדענץ א ציוניסטישע, און מען לערנט העבראיש פון ערשטן קלאס אן. אין די שלום עליכם שולן איז ניט פאראן קיין ספעציעלע אידעאלאגישע טענדענץ, אחוץ אן אלגעמיינע ווארעמע באציאונג צו אלע קאנסטרוקטיווע ווערטן אין יידישן לעבן מען שליסט אויך איין די שטרעבונג צו ארץ ישראל. צוליב פראקטישע טעמים הייבט מען אן צו לערנען העבראיש ערשט אין פערטע קלאסן פון דער עלעמענטאר-שול. אין די ארבעטער רינג שולן איז די טענדענץ א סאציאליסטישע. די באציאונג צו ארץ ישראל איז א נייטראלע. העבראיש ווערט געלערנט ערשט אין זייער מיטלשול. וועגן די ארדן שולן קען מען בלויז זאגן, אז דאס שטענדיקע אין זיי איז אן אקטיווע און ווארעמע באציונג צום סאוויעטן פארבאנד. אין אלע אנדערע זאכן ביטן זיי זיך לויט דער געגעבענער ליניע פון דער קאמוניסטישער פארטיי.

עס זענען אויך פאראן פריוואטע שולן און חדרים פון אלט-פרענקישן טיפ. זייער צאל ווערט אבער קלענער פון טאג צו טאג. אין חדרים לערנט מען בלויז עברי. אין א צאל פאלן קומען אויך לערער געבן פריוואטע לעקציעס, דער עיקר אין לייענען, שרייבן, געשיכטע, בר-מצווה, מנהגים, בכלל לויט די פאדערונגען פון די עלטערן.

איבערן גאנצן לאנד זענען איצט פאראן 65 גאנצע שולן, אין 26 שטעט. פון זיי זענען 37 אין ניו יארק. די ארטאדאקסישע גאנצע שולן,

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

דאָס רוב פון אַלע אַזעלכע שולן, רופן זיך ישיבות. די איבעריקע, פון קאָנסערוואַטיוון טיפ, האָבן פאַרשיידענע אַנדערע נעמען. אין אַט די שולן ווערן געלערנט סיי די אַלגעמיינע, סיי די יידישע לימודים. פאַרשטייט זיך, אַז אין אַ גאַנצע שולן איז פאַראַן מער צייט און בעסערע מעגלעכקייטן צו געבן די תלמידים אַ גרינטלעכערע יידישע בילדונג. אין די ישיבות איז אויך תלמוד אַ פונדאַמענטאַלער לימוד.

אַרום אַ פערטל פון דער יידישער קינדער-באַפעלקערונג פון שול-עלטער באַזוכט יידישע שולן אין אַ געגעבענער צייט. אין אַלגעמיין גענומען האָבן אַרום 75% יידישע קינדער באַקומען אַ געוויסע פאָרם יידישע דערציאונג אין אַ געוויסער צייט פון זייער לעבן. אַסך פון זיי האָבן אָבער געגאַנגען דערפון זייער אַ קורצע צייט. אַנדערע האָבן זיך באַנוגנט מיט אַ זונטיק-קלאַס וואו עס איז קיין מעגלעכקייט ניטאָ מען זאָל עפּעס לערנען מער אָדער ווייניקער גרינטלעך. די גרעסטע צאָל יידישע שולן, פון אַלע טיפּן, אין ניו יאָרק, זענען פאַרבונדן מיטן יידישן דערציאונג קאָמיטעט וואָס העלפט זיי אַרויס אין אַסך פון זייערע באַדערפעניישן. אַזעלכע צענטראַלע שטאָטישע קערפּערשאַפטן וואָס העלפן אין דער אַרבעט פון יידישער דערציאונג זענען איצט פאַראַן אין 29 שטעט. על פּי רוב רופן זיי זיך „ביוראָ פון יידישער דערציאונג". זיי האָבן אויך פאַרשיידענע אַנדערע נעמען.

אחוץ עלעמענטאַר שולן און מיטלשולן זענען אויך פאַראַן אינסטיטוציעס פאַר העכערע לימודים. דאָרט ווערן צוגעגרייט לערער, געלערנטע און רעליגיעזע פירער. צוויי זענען שוין פריער דערמאָנט געוואָרן, איינע וואָס איז פאַרבונדן מיט די קאָנסערוואַטיוון, די צווייטע מיט די רעפאָרמער. די אָרטאָדאָקסן האָבן אַזעלכע לערן-אינסטיטוציעס ווי דער ישיבה-קאָלעדזש אין ניו יאָרק, וואָס איז לעצטנס דערהויבן געוואָרן צום ראַנג פון אַן אוניווערזיטעט, אָדער דער יידישער טעאָלאָגישער קאָלעדזש אין שיקאַגאָ. דער יידישער אינסטיטוט פון רעליגיע, אין ניו יאָרק, דער דראָפּסי קאָלעדזש אין פילאַדעלפיע, און דער יידישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט (ייוואָ) זענען זעלבשטענדיק. דער לעצטער גיט זיך אָפּ דער עיקר מיט פאָרשן דאָס

[illegible]

[illegible]

[illegible]

יידישע לעבן, אבער ער פארמאגט א ספעציעלע אפטיילונג (אספיראנטור) אויסצובילדן פארשער. דער יידישער לערער-סעמינאר און פאלקס-אוניווערזיטעט איז פארבונדן מיטן יידיש-נאציאנאלן ארבעטער פארבאנד. ער געפינט זיך אין ניו יארק און עקזיסטירט שוין זינט 1918.

צו יידישער דערציאונג וואלט מען אויך געדארפט צורעכענען דעם Jewish Community Center וואס איז אין איצטיקן יארהונדערט אויסגע-וואקסן אין אסך שטעט. זיי פארמאגן אייגענע געביידעס מיט גוטע איינ-ריכטונגען פאר רעקרעאציע, פארוויילונג, קלוב-טעטיקייט און לעקציעס. דער צענטער איז באזונדערס צוגעפאסט צו דער יוגנט און אירע באדערפענישן. יעדער צענטער ווערט געפירט פון א דירעקטאר וואס זארגט דערפאר, אז די טעטיקייט פראגראם זאל זיין פארשיידנארטיק און באפרידיקן אלע טיילן און עלטערס פון דער יידישער באפעלקערונג. די דאזיקע צענטערס זענען אפט געווען גיכער אינסטיטוציעס וואו יידן קומען פארברענגען איידער יידישע אינסטיטוציעס לויטן גייסט און כאראקטער פון זייער פראגראם. איצט אבער איז דאס אנדערש. זיי נעמען אריין מער יידישע טעטיקייטן און פאראינטערעסירן זיך מער מיטן יידישן לעבן.

דער געדאנק צו בויען אזעלכע צענטערס איז ארויסגעבראכט געווארן נאך אין אנהייב פון יארהונדערט. אין 1906 איז געבוירן געווארן די YMHA און אין 1915 די YWHA. זיי זענען געווען די פארווירקלעכונג פון דער זעלביקער אידיי וואס איז שפעטער אויסגעברייטערט געווארן און געפירט צו דער גרינדונג פון די „צענטערס". איצט זענען פאראן אזעלכע צענטערס אין א גרויסער צאל שטעט פון לאנד, און ווי עס זעט אויס איז זיי באשערט נאך א רייכערע צוקונפט.

די צענטראלע אינסטיטוציע וואס פארבינדט זיי אלע, און העלפט זיי גרינטלעכער צו קאנטראלירן זייערע טעטיקייטן, איז די Jewish Welfare Board. די דאזיקע אינסטיטוציע איז אויפגעקומען אין 1917 צו באדינען די יידן אין דער אמעריקאנער ארמיי אין דער ערשטער וועלט-מלחמה. נאך דער מלחמה האבן זיי זיך גענומען צו דער צענטער-ארבעט, געהאלפן שאפן

ניט צענטערס, בכלל פארשפרייט דעם געדאנק וועגן דער נייטיקייט צו ארגאניזירן דאס יידישע לעבן. זיי העלפן די צענטערס מיט מאטעריאלן, פראגראמען, פירן אן א לעקציע-ביורא, העלפן אויך אויפן זעלביקן אופן די זומער-קעמפס פון יידישע ארגאניזאציעס. אין דער צווייטער וועלט-מלחמה האבן זיי ווידער, און אויף נאך א ברייטערן פארנעם, באדינט די יידן אין דער אמעריקאנער ארמיי.

<u>פילאנטראפיע און קעגנזייטיקע הילף</u>

צדקה איז, ווי מיר האבן געזען, תמיד געווען איינע פון די ווערטיקסטע פונקציעס פון דער יידישער קהילה. אויך דא, אין אמעריקע, האט זיך די דאזיקע טענדענץ ארויס געוויזן גלייך פון אנהייב אן. עס זענען אויס-געוואקסן אינסטיטוציעס וואס האבן אויף זיך גענומען צו זארגן פאר נויטבאדערפטיקע פאמיליעס, ארעמע קינדער, בויען שפיטאלן, שאפן בתי יתומים, מושב זקנים, און אסך אנדערע טיפן הילף-אינסטיטוציעס. לויט א באריכט פון 1938 זענען דעמאלט געווען 100 ארגאניזאציעס וואס האבן זיך אפגעגעבן בלויז מיט קינדער-פארזארגונג; ארום 60 מושב זקנים וואו עס געפינען זיך איבער 6000 אלטע לייט, און זייער יערלעכע הוצאה באטרעפט 2,300,000$, ארום 70 יידישע שפיטאלן מיט מעגלעכקייטן פאר 9,000 בעטן, מיט א יערלעכער הוצאה פון 19,000,000$. די אינסטיטוציעס וואס גיבן זיך אפ מיט פאמיליע-פארזארגונג גיבן אויס 5,000,000$ יערלעך. די טעלעבע ציפערן גיבן א באגריף פונעם ריזיקן פארנעם פון דער יידישער פילאנטראפישער טעטיקייט אין די פאראייניקטע שטאטן.

אין דער פריוויליקער פארבינדונג צווישן יידן אין אמעריקע האט יעדע אינסטיטוציע געדארפט זאמלען אירע אייגענע פאנדן. האבן זיך אסך געווענדט צו די זעלביקע מענטשן. דאס האט ארויסגערופן ביטערקייט, צעטומלעניש, און געשטעלט אין סכנה די הכנסות. צוליב דעם זענען געשאפן געווארן צענטראלע קערפערשאפטן אין פארשיידענע שטעט — איצט שוין אין ווייט גרעסטן רוב שטעט -- וואס זאמלען אן איינציקן פאנד, און דאס ווערט דערנאך צעטיילט לויט א געוויסער פראפארציע צו די אנגעשלאסענע

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

אינסטיטוציעס. די צענטראלעם רופן זיך יידישע פעדעראציע, יידישער וועלפעיר פאנד, יידישע־ וועלפעיר פעדעראציע, א.א.וו. די ניו יארקער פעדעראציע טיילט אין אירע פאנדן צו 115 אינסטיטוציעס וואס זענען אנגעשלאסן אין איר.

ארדנס פאר קעגנזייטיקער הילף האבן אמאל דער עיקר אפעלירט צוליב זייער הילף צו די מיטגלידער. דאס איז ספעציעל געווען וויכטיק ווען יידן זענען געווען על פירוב און אימיגראנטישע באפעלקערונג, וואס דארף זיך ערשט ווי געהעריק איינארדענען אין לאנד. איצט אבער זענען זיי גיבער ארגאניזאציעס פאר ברידערלעכן צוזאמפקום און הילף פאר אלגעמיינע יידישע זאכן וואס זענען צום הארצן די מיטגלידער, כאטש קעגנזייטיקע הילף איז א פונדאמענטאלער פונקט אין זייער פראגראם. אזעלכע ארדנס זענען דער אינדעפענדענט ארדער בריה אברהם, בריה שלום, ארבעטער רינג, יידיש־נאציאנאלער ארבעטער פארבאנד, בני ציון, און אנדערע. צו דעם דארף מען אויך צורעכענען די לאנדסמאנשאפטן, אדער א צאל פון זיי, וואס שטעלן זיך ענלעכע אויפגאבעס. אבער דער עיקר ארבעט פון די לאנדסמאנשאפטן איז צו שטיצן די שטעט אין דער אלטער היים פון וועלכע זיי קומען.

<u>הילף פאר יידן אין אנדערע לענדער און פאר אימיגראנטן</u>

די נויט פון יידן אין דער אלטער היים האט תמיד ארויסגערופן הילף מצד זייערע אמעריקאנער ברידער, וואס האבן זיך תמיד געפונען אין א בעסערער לאגע. דאס האט אויך איינגעשלאסן הילף צו עמיגרירן און ארויסהעלפן דא געקומענע אימיגראנטן. אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, און נאך דעם, איז די לאגע אין איראפע געווען אזא ביטערע, אז עס האט זיך געפאדערט א באזונדערס גרויסע אנשטרענגונג מצד אמעריקאנער יידן אין הילף־אקציעס. זינט היטלער איז געקומען צו דער מאכט אין 1933 איז אויך אויסגעוואקסן די ריזיקע אויפגאבע צו העלפן די פליטים פון איראפע בכלל און פון דייטשלאנד בפרט. דאס האט געפירט צו א גרויסער ארגאניזירטער יידישער ארבעט צו העלפן די קרבנות פון די אומגליקן, וואס זענען באפאלן אונדזער פאלק אין איראפע.

[illegible]

[illegible]

[illegible]

דער ה״אס, (Hebrew Sheltering and Immigrant Aid Society)
איז אן ארויסוואוקס פון צוויי קלענערע ארגאניזאציעס. ביידע זענען געבוירן
געווארן אין די אכציקער יארן פון לעצטן יארהונדערט. אין 1909 האבן זיך
ביידע פאראייניקט. דער צוועק פון ה״אס איז געווען צו העלפן יידישע
אימיגראנטן פון זייער ארויספארן פון דער אלטער היים ביז זייער קומען אהער,
און זארגן פאר זיי דא אין דער ערשטער צייט פון פארלוירנקייט און אילפלאזיקייט.
אויף יענער צייט האט דער ה״אס געהאלפן מיט לעגאלע עצות צו קריגן וויזעס.
אין אייראפעאישע פארטן האט ער פארמאגט הייזער צו געבן נויטבאדערפטיקע
עמיגראנטן עסן און נאכטלעגער ביז זיי האבן זיך ארויפגעזעצט אויף דער שיף.
דא, אין לאנד, האבן זיי ביי די פארטן אויפגענומען די אימיגראנטן, זיי
געהאלפן מיט לעגאלע עצות, און זיי געגעבן די ערשטע מאטעריעלע הילף. אויך
האבן זיי געהאלפן צו געפינען באשעפטיקונג. זיי האבן זיך אויך איינגעשטעלט
אין וואשינגטאן פאר פארהאלטענע אימיגראנטן.

אין 1938 האט דער ה״אס געהאט אפיסעס אין 31 לענדער צו העלפן יידישע
עמיגראנטן אויף פארשיידענע אופנים. ניט געקוקט אויף די גרויזאמע
שטערונגען מצד נאצי-דייטשלאנד האט דער ה״אס באוויזן אין 1939 צו העלפן
100,000 יידן זיך צו ראטעווען פון אייראפע און זיך באזעצן אין פרייערע
לענדער.

דער ה״אס באדינט אויך אימיגראנטן דערמיט וואס ער שיקט איבער זייער
געלט צו קרובים וואס זיי ווילן העלפן, באמיט זיך צו קריגן פאר זיי וויזעס,
און העלפט זיי עמיגרירן. אין 1941 איז אויף אזא אופן געשיקט געווארן איבער
$2,000,000 פון היגע אימיגראנטן צו זייערע נויטבאדערפטיקע קרובים אין
פארשיידענע לענדער. אין וויכטיקע אונטערנעמונגען, זינט דער צווייטער וועלט-
מלחמה, האט זיך דער ה״אס פארבונדן מיט אנדערע יידישע הילף-ארגאניזאציעס,
אזעלכע ווי דער „דזשוינט", דער קאמיטעט צו באדינען פליטים (National
(Refugee Service און דער ראט פון יידישע פרויען (Council of Jewish
Women.)

דזשוינט

אין 1914, בײַם אויסבראָך פון דער ערשטער וועלט-מלחמה, זענען אויפגעקומען עטלעכע אָרגאַניזאַציעס צו העלפן די יידישע מלחמה קרבנות אין אײראָפּע. אין 1916 האָבן זײ זיך פאראײניקט אונטערן נאָמען American Jewish Joint Distribution Committee.

פאַרשטײער פון דזשוינט זענען געשיקט געװאָרן קײן אײראָפּע. דאָרט האָבן זײ אָרגאַניזירט קאָמיטעטן אין די פאַרשײדענע שטעט און שטעטלעך כדי צו זען, אַז די אַמעריקאַנער הילף זאָל אויפן בעסטן אופן פאַרטײלט װערן. די נויט איז געװען שרעקלעך גרויס. די דזשוינט פאַרשטײער זענען געװאָרן א טײל פון דער אַלגעמײנער אַמעריקאַנער הילף, װאָס אונדזער רעגירונג האָט געגעבן פאַר אײראָפּע, און האָבן דעריבער געטראָגן אַמעריקאַנער מיליטערישע אוניפאָרמען. דאָס האָט אַסך געהאָלפן אין דער אַרבעט. אין װײניקער װי צװײ יאָר זענען 300,000 יידן געשטיצט געװאָרן פון די דזשוינט פאָנדן, און עס איז אויסגעגעבן געװאָרן די סומע פון $50,000,000.

אויך אין קולטורעלן לעבן פון צעשטערטן יידישן מזרח אײראָפּע האָט דער דזשוינט אַסך געהאָלפן. ער האָט געהאָלפן צוריק אויפצובויען אַלטע שולן און עפענען נײע. ער האָט געשטיצט רבנים, שרײַבער, לערער. פאַך-שולן זענען געעפנט געװאָרן פאַר יונגע בחורים און מײדלעך. ער האָט אויך געשטיצט אָרטיקע גרינדן גמילות חסדים קאַסעס, כדי צוריק צו שטעלן אויף די פיס די, װאָס האָבן אַלץ פאַרלוירן דורך מלחמה און פּאָגראָמען.

אין 1924 האָט דער דזשוינט אונטערגענומען צו העלפן די רוסישע יידן זיך באַזעצן אויף ערד. די ספּעציעלע אָרגאַניזאַציע װאָס האָט זיך מיט דעם פאַרנומען האָט זיך גערופן אַגראָ-דזשוינט. די סאָװיעטישע רעגירונג האָט אין דעם אַרויסגעהאָלפן. ארום 250,000 יידן האָבן זיך מיט דער דאָזיקער הילף באַנוצט. דער דזשוינט האָט אויף דעם אויסגעגעבן $16,000,000. די אַרבעט האָט אָנגעהאַלטן ביז 1938.

זינט דעם אָנקום פון דעם היטלער-אומגליק, אין 1933, איז א נײער יאָך אַרויפגעלײגט געװאָרן אויף דעם דזשוינט. מען האָט געדאַרפט העלפן די

היטלער-קרבנות. יידישע עלטערן האבן זיך געבעטן ארויסצוראטעווען זייערע קינדער. דער דזשוינט האט אסך פון זיי געהאלפן זיך באזעצן אין אנדערע לענדער און אויך אין ארץ ישראל. אין פוילן האבן יידן זיך נאך מער גענייטיקט אין הילף צוליבן הערשנדיקן אנטיסעמיטיזם, וואס האט אוועקגע-רויבט זייער חיונה. אזוי זענען כסדר געוואקסן די סומען, מיט וועלכע דער דזשוינט האט געהאלפן די אייראפעאישע יידן, און פונקט אזוי זענען אויך געוואקסן זיינע פארצווייגטע טעטיקייטן.

צדקה, און הילף בכלל, געהערן, ווי מיר ווייסן, צו די טיפישסטע כאראקטער-שטריכן פון יידישן קהילה-לעבן. אבער דער דזשוינט איז דאס העכסטע, וואס יידן האבן דערגרייכט אין דעם פרט. זיין ריזיקער פארנעם, סיי בנוגע די געלט-סומעס, סיי אין צאל יידן און לענדער וואס ער נעמט ארום, האט ניט צו זיך קיין גלייכן אין דער גאנצער יידישער געשיכטע. דאס זעלביקע קען אויך געזאגט ווערן וועגן דער צאל ריכטונגען אין וועלכער זיין ארבעט שפרייט זיך אויס.

ארט

צוליב דער באזונדערער לאגע, אין וועלכער יידן האבן געלעבט אין צארישן רוסלאנד, האט בלויז א קליינע צאל פון זיי געצויגן חיונה פון קוואליפיצירטע פאך-ארבעט און אגריקולטור. דאס האט געפירט צו דער גרינדונג פון דער ארגאניזאציע „ארט”, א נאמען וואס באשטייט פון די ראשי תיבות פון דריי רוסישע ווערטער: אבסטשעסטווא רעמעסלענאווא טרודא -- געזעלשאפט פאר פאך-ארבעט. זי האט זיך אויך גערופן אויף יידיש: „געזעלשאפט צו פארשפרייטן ארבעט און אגריקולטור צווישן יידן”. די ארגאניזאציע איז געבוירן געווארן אין 1880. לכתחילה האט זי זיך פארנומען מיט העלפן אינדיווידועלע ארבעטער, פארמער און יונגעלייט, וואס האבן זיך געוואלט לערנען א פאך. זי האט סובסידירט פאך-שולן, און געהאלפן די יידישע תלמידים, וואס האבן אין זיי געלערנט. שפעטער האט זי גענומען פארשפרייטן מאדערנע ארבעט-מעטאדן און נייע פאכן, געליען געלט צו קויפן מאשינען און רויע מאטעריאלן און ארגאניזירט קאאפעראטיוון

צו פארקויפן די פראָדוקטן פון ייִדישע ארבעטער.

נאָך דער רוסישער רעוואָלוציע האָט דער אָרט אָנגעפירט א ריזיקע ארבעט אין סאָוויעטן פארבאנד ביז 1938, ווען די רעגירונג האָט אַלץ אַליין איבערגענומען. דער אָרט האָט געהאָלפן 108 קאָלעקטיוון און דערפער. ער האָט געהאַט 60 פאבריקן אין פארשיידענע שטעט און שטעטלעך, 70 פאבריקן אין די דערפער פון אוקראינע און קרים, 700 קאָאָפּעראַטיווע אינדוסטריעלע און פאַך ארגאניזאציעס. עטלעכע הונדערט ייִדישע קהילות האָבן באַקומען פינאנציעלע הילף פון אָרט, אויך מאשינען, געציג, און רוי מאַטעריאַלן. אין 1932 האָט דער אָרט אָנגעהויבן זיין טעטיקייט אין בירא בידזשאַן, און דאָרט געעפנט עלף פאבריקן. זיין ארבעט האָט זיך אויסגעשפרייט אויך אויף אנדערע לענדער ווי פוילן, ליטע, לאַטוויע, און רומעניע.

אין 1933, ווען היטלער איז געקומען צו דער מאַכט, האָט דער אָרט ארויסגענומען גרופּעס ייִדישע קינדער פון דייטשלאַנד אין מזרח אייראָפּע, און זיי אריינגעגעבן אין פאַך-אינסטיטוציעס. ער האָט געעפנט א טעכנישע שול אין בערלין, פאַך-קורסן אין פאריז און א פאַרם אין דרום פראַנקרייך. אין יענע יאָרן האָט ער געעפנט צווייגן אין דאַנציק, בולגאַריע, שווייצאַריע, עסטרייך און אונגאַרן.

אין די יאָרן פון דער מלחמה האָט דער אָרט פונקציאָנירט אין די נאַציאָקופּירטע לענדער און אויך אין דער וואַרשעווער געטאָ. ווען פראַנקרייך איז געפאַלן, האָט דער אָרט דאָרט אָנגעפירט 300 אינדוסטריעלע און אַגריקולטורעלע אינסטיטוציעס. פאַר צענדליקער טויזנטער ייִדן איז דאָס געווען דער איינציקער וועג זיך צו ראַטעווען פון ווערן אינטערנירט אָדער דעפּאָרטירט. אין שווייצאַריע, וואו אַסך פליטים האָבן זיך געראַטעוועט, האָט דער אָרט געהאַט 100 אינדוסטריעלע שולן און פאבריקן. ער האָט אויך געעפנט א טעכנישן אינסטיטוט אין ענגלאַנד.

איצט זענען פאַראַן אָרט-אָרגאַניזאַציעס כמעט אין אַלע לאַטייניש רעפּובליקן. עס איז פאַראַן אויך אַן אָרט-שול אין קאַנאַדע. אין די פאַראייניקטע שטאַטן — דער צענטער פון זאַמלען די אָרט-פאָנדן פאַר דער גאַנצער

װעלט־אָרגאַניזאַציע -- האָט דער אָרט געעפֿנט פֿאַך־שולן פֿאַר פּליטים אין נײַ יאָרק.

אין די יאָרן פֿון װידער־אױפֿבױ נאָך דער מלחמה װערן נאָך גרעסער די אױפֿגאַבעס און די אחריות פֿונעם אָרט. אין די אַלע יאָרן זינט 1880 האָט זיך די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע פֿאַרשאַפֿן א גרױסן נאָמען בײַ ייִדן. אין דער איצטיקער צײַט פֿון חורבן און אױפֿבױ איז נאָך נײטיקער איר אַרבעט און עס זענען נאָך גרעסער אירע פּערספּעקטיװן.

<u>אינסטיטוציעס װאָס שטעלן זיך אײַן פֿאַר ייִדן און ייִדישע רעכט</u>

די ייִדישע צרות אין אַמאָליקן צאַרישן רוסלאַנד און אַנדערע לענדער האָט פֿאַרשטאַרקט די זאָרג װעגן א בעסערער ייִדישע צוקונפֿט. אין יענער צײַט איז אױפֿגעקומען און זיך פֿאַרשפּרײט דער ציוניזם. דעמאָלט איז אױך געבױרן געװאָרן די טעריטאָריאַליסטישע באַװעגונג מיטן צװעק צו געפֿינען פֿאַר ייִדן א טעריטאָריע, װאָס זאָל זײַן פּאַסיק פֿאַר א ברײטער ייִדישער קאָלאָניזאַציע. אױך איצט עקזיסטירט בײַ אונדז א „פֿרײַלאַנד ליגע" װאָס איר צװעק איז טאַקע צו פּועלן, אַז מען זאָל ייִדן געבן אַזא פּאַסיק ניט־באַאַרבעט לאַנד צו קאָלאָניזירן. עס זענען דעמאָלט אין אַמעריקע אױך געבױרן געװאָרן אָרגאַניזאַציעס מיט װײניקער אַמביציעזע צילן: זיך אײַנצושטעלן פֿאַר ייִדן דאָרט, װוּ זײערע מענטשלעכע און נאַציאָנאַלע רעכט װערן אונטערגעדריקט, און בכלל צו געפֿינען אַן אױסװעג פֿון דער טרױעריקער ייִדישער לאַגע.

<u>דער אַמעריקאַנער ייִדישער קאָמיטעט</u>

אין 1906 -- אַרום דער צײַט װען אין רוסלאַנד האָבן זיך פֿאַרשטאַרקט די רדיפֿות און פּאָגראָמען אױף ייִדן -- איז אין נײַ יאָרק אָרגאַניזירט געװאָרן דער אַמעריקאַנער ייִדישער קאָמיטעט. זײַן צװעק איז פֿאָרמולירט געװאָרן אַזױ: „ניט צו דערלאָזן, אַז די בירגערלעכע און רעליגיעזע רעכט פֿון ייִדן זאָלן צעשטערט װערן אין װאָסער ניט איז טײל פֿון דער װעלט; צו העלפֿן און אָננעמען פּאַסיקע מיטלען װען עס איז פֿאַראַן א מורא, אַז מען זאָל ברעכן די דאָזיקע רעכט, אָדער װען דאָס קומט טאַקע פֿאָר; צו געװינען פֿאַר ייִדן גלײַכע

געלעגנהייטן סאָציאַל, עקאָנאָמיש און אין בילדונג; צו העלפן די קרבנות פון רדיפות און אומגליק". דער קאָמיטעט איז באַשטאַנען על פי רוב פון רייכערע ייִדן פון דייטשישן אָפּשטאַם.

א גרויסן נאָמען האָט זיך דער דאָזיקער קאָמיטעט פאַרשאַפן אין 1912, ווען ער האָט געפאָדערט, אַז די אַמעריקאַנער רעגירונג זאָל אָפּברעכן איר אָפּמאַך מיט רוסלאַנד, ווייל די לעצטע האָט זיך אָפּגעזאָגט צו אָנערקענען די פּאַספּאָרטן פון אירע ייִדישע בירגער. אין יענער צייט איז לואיס מאַרשאַל געוואָרן דער פּרעזידענט פון אַמעריקאַנער ייִדישן קאָמיטעט. צוליב זיינע זעלטענע אַדוואָקאַטישע פעיִקייטן, צוליבן רייכן ייִדישן וויסן, וואָס ער האָט פאַרמאָגט און זיין שטענדיקער אַקטיוויקייט אין אַלע זייטן פון ייִדישן לעבן, האָט ער געשפּילט א פירנדיקע ראָלע ביי ייִדן, און אַרויסגערופן דעם טיפסטן דרך ארץ מצד ניט־ייִדן. ער איז געווען פּרעזידענט פון קאָמיטעט ביז זיין טויט, אין 1929. אין משך פון די 18 יאָר זענען פאָרגעקומען גרויסע געשעענישן אין דער וועלט בכלל און ביי ייִדן בפרט, איינשליסנדיק די ערשטע וועלט־מלחמה און די באַלפור דעקלאַראַציע.

דער אַמעריקאַנער ייִדישער קאָמיטעט האָט געהאָלפן גרינדן דעם דזשוינט, זיך ענערגיש באַטייליקט אין אויספּועלן פאַר ייִדן גלייכע רעכט אין די אייראָפּעישע לענדער בעת עס זענען געשאַפן געוואָרן די אָפּמאַכן אין ווערסיי. דאָס לעצטע האָט דער קאָמיטעט אויפגעטאָן צוזאַמען מיטן אַמעריקאַנער ייִדישן קאָנגרעס. גאַנץ אָפט האָבן די לענדער געבראָכן זייער אָפּמאַך בנוגע זייערע ייִדישע בירגער. דעמאָלט האָט זיך דער קאָמיטעט איינגעשטעלט דורך פּראָטעסטן צו די געהעריקע אַמבאַסאַדאָרן אָדער דורך ווענדונגען קיין וואַשינגטאָן.

די אידייאישע איינשטעלונג פונעם קאָמיטעט איז, אַז ייִדן דאַרפן זיך איינבירגערן אין די לענדער פון זייער צעשפּרייטקייט. ער איז בכלל גענייגט צו האַלטן, אַז ייִדן זענען ניט קיין פאָלקישע נאָר א רעליגיעזע גרופּע. דאָך האָט ער זיך ניט אָפּגעזונדערט פון דער אַרבעט פאַר ארץ ישראל. ער באַטייליקט זיך אַקטיוו אין דער ייִדישער אגענטור, זינט די דאָזיקע אינסטיטוציע איז געשאַפן געוואָרן, ווי איין ניט־ציוניסטישער שותף.

זינט 1933 האט דער קאמיטעט זייער אסך געטאן צו העלפן גרינדן אינסטיטוציעס לטובת די יידישע פליטים פון דייטשלאנד און אנדערע לענדער. ער האלט אויף א ביורא צו פארשן דאס יידישע לעבן אין דער גאנצער וועלט און זאמלט מאטעריאלן פאר דעם צוועק. ער באטייליקט זיך ענערגיש אינעם קאמף אנטקעגן אויפגעוואקסן אנטיסעמיטיזם. ביז 1945 האט ער ארויסגעגעבן א צוויי-חדשים'דיקן זשורנאל — „קאנטעמפאראריי דזשואיש רעקארד" — וואס איז איצט פארוואנדלט געווארן אין א חודש-זשורנאל „קאמענטאר". ער גיט ארויס דאס יערלעכע אמעריקאנער יידישע יארבוך, און העלפט אין דער ארבעט פון דער יידישער פובליקאציע - „געזעלשאפט פון אמעריקע".

<u>אמעריקאנער יידישער קאנגרעס</u>

ווען עס האט זיך צעפלאקערט די ערשטע וועלט-מלחמה האבן אסך יידן געפילט, אז ווען דער שלום וועט קומען וועט נייטיק זיין א דעמאקראטיש אויסגעקליבענע יידישע רעפרעזענטאנץ, וואס זאל רעדן אין נאמען פון גאנצן פאלק. אויפן דאזיקן געדאנק איז באזירט די אידייע פון אמעריקאנער יידישן קאנגרעס, וואס איז ארגאניזירט געווארן אין 1916. אין 1917 זענען אפגעהאלטן געווארן די וואלן, וואו עס האבן געשטימט איבער 335,000 יידן, און 300 דעלעגאטן זענען אויסגעקליבן געווארן. צום קאנגרעס זענען צוגעשטאנען די ציוניסטישע ארגאניזאציע, די בני ברית און אויך דער אמעריקאנער יידישער קאמיטעט. דער קאנגרעס האט ארומגענומען במעט יעדן יידן מיטן מינדסטן אינטערעס אינעם מזל פון מאמענט. איז א צווייטע סעסיע אפגעהאלטן געווארן אין 1920, און דעמאלט איז אויך באשלאסן געווארן, אז דער קאנגרעס זאל בלייבן א פערמאנענטע אינסטיטוציע.

אין די יארן 1917 - 1920 זענען פארגעקומען מוראדיקע פאגראמען אין אוקראינע. אין פוילן איז די יידן-שנאה געוואקסן צו דער מדרגה פון אנטי-יידישע באיקאטן און פיזישע אטאקעס. פון דער אנדערער זייט איז אין 1917 פראקלאמירט געווארן די באלפור-דעקלאראציע. דאס האט ביי יידן פארשטארקט אי די זארג פאר זייערע ברידער אין איראפע, אי די האפענונג

אויף ארץ ישראל. דער קאָנגרעס האָט אָנגענומען א רעזאָלוציע צו שטיצן די באלפור-דעקלאראציע, און באשלאָסן צו פאָדערן ביי דער קומענדיקער שלום-קאָנפערענץ מינאָריטעטן-רעכט פאר יידן אין איראָפּע. עס זענען אויסגעקליבן געוואָרן צען פאָרשטייער צו פארטרעטן די אמעריקאנער יידן ביי די געהעריקע ארגאנען פון דער שלום-קאָנפערענץ.

אין פאריז, וואו די שלום-קאָנפערענץ איז פארגעקומען, זענען אויך געווען דעלעגאציעס פון יידן פון אנדערע לענדער. האָבן זיך די אלע פאראייניקט אין א קאָמיטעט פון יידישע דעלעגאציעס, און צוזאמען באוויזן דורכצופירן פולע רעכט פאר יידן, איינשליסנדיק אויך אויטאָנאָמישע רעכט אי פוילן, רומעניע, גריכנלאנד, יוגאָסלאוויע, טערקיי, אונגארן, לעטלאנד, עסטלאנד, ליטע, עסטרייך, טשעכאָסלאָוואקיע, פריי-שטאט דאנציק, און פריי-פארט מעמעל. דער קאָמיטעט האָט אויך געהאָלפן צו געווינען סימפאטיע ביי די פעלקער פאר א נאציאָנאלער היים אין ארץ ישראל. דאָס האָט שוין ממילא געפירט דערצו, אז דער קאָמיטעט זאל פארבלייבן ווי א שטענדיקע אינסטיטוציע אכטונג צו געבן, אז די לענדער זאלן ניט ברעכן זייערע אפמאכן וועגן רעכט פאר יידן. זיין אָפיס איז געווען אין זשענעווע, וואו עס האָט זיך געפונען די פעלקער-ליגע.

אין דער היטלער-צייט האָט דער קאָנגרעס אָנגעפירט די באוועגונג פאר א בויקאָט אויף דייטשישע סחורות, בעת דער אמעריקאנער יידישער קאָמיטעט האָט פון דעם מיטל ניט געהאלטן. ער האָט אויך געשאפן אן אָפטיילונג צו פאָרשן די יידישע לאגע, און ער באטייליקט זיך ענערגיש אין קאמף קעגן אנטי-סעמיטיזם. די דאָזיקע קריטישע צייט האָט אויך געפירט צום געדאנק פון א יידישן וועלט-קאָנגרעס. אין 1936 איז זיך צונויפגעקומען אין זשענעווע דער ניי-געשאפענער וועלט-קאָנגרעס. ער איז באשטאנען פון 250 דעלעגאטן, וואָס האָבן פארטראָטן 32 לענדער (חוץ רוסלאנד און דייטשלאנד). דער וועלט-קאָנגרעס האָט זיך איינגעשטעלט פאר יידן אין אסך פאלן. נאָכן אויסבראך פון דער צווייטער וועלט-מלחמה ווערט די ארבעט פון וועלט-קאָנגרעס אין גאנצן געפירט אין די פאראייניקטע שטאטן.

[illegible]

[illegible]

[illegible]

אין אמעריקע האט זיך דער וועלט-קאנגרעס אנגעשטויסן אויף קעגנער-
מצד פֿיל יידישע ארגאניזאציעס. דער אמעריקאנער יידישער קאמיטעט און
די בני ברית האלטן, אז אזא אינסטיטוציע איז ניט געוואונטשן. ערשטנס,
דערפאר וויל זי איז א דופליקאציע פון קערפערשאפטן, וואס עקסיסטירן
שוין סיי ווי. צווייטנס, א וועלט-ארגאניזאציע פון יידן איז עלול צו
פארשטארקן דעם אנטיסעמיטיזם.

בני ברית

בני ברית איז לכתחילה ארגאניזירט געווארן (אין 1843) ווי א פראטער-
נאלער ארדן פאר קעגנזייטיקער הילף און ברידערלעכן צוזאמען-לעבן. עס
איז זי אבער באשערט געווען באלד צו וואקסן און זיך צו פארשפרייטן אין
צענדליקער לענדער מיט הונדערטער צווייגן און טויזנטער מיטגלידער. זיי
האבן זיך ניט באגרענעצט מיט זארגן בלויז פאר אייגענע און העלפן זיי,
נאר אויך פאר נויטבאדערפטיקע יידן בכלל.האבן זיי געבויט שפיטאלן,
ביבליאטעקן, קלובן, פאר אלטמען.

מיט דער צייט איז ביי זיי געוואקסן דאס פאלקיש-יידישע באוואוסטזיין,
וואס טרויעריקער עס איז געווארן די יידישע לאגע אין דער וועלט. אין די
לעצטע יארן זענען זיי געווארן ענערגישע שותפים אין די גרעסטע אונטער-
נעמונגען לטובת יידן, אין אין די מיט אזעלכע ארגאניזאציעס ווי דער
אמעריקאנער יידישער קאמיטעט, אדער דער אמעריקאנער יידישער קאנגרעס.
אחוץ דעם האבן זיי געשאפן אייגענע אינסטיטוציעס פון גאר גרויסן פארנעם.

זייער „אנטי-דיפאמיישאן ליג" פירט אן אן אינטענסיוון קאמף קעגן
אנטיסעמיטיזם. מיט דער הילף פון צענדליקער טויזנטער ביכער און
מיליאנען בראשורן, רעדנער, ראדיא-פראגראמען, און ענלעכע טעטיקייטן,
פארשפרייט די ליגע, דער עיקר צווישן די אנגעזעענע פון דער קריסטלעכער
באפעלקערונג, פאקטן וועגן יידן מיטן צוועק אויפצוהאלטן דעם גוטן נאמען
פון יידישן פאלק, פעסטצושטעלן דעם אמת און צו באווייזן די פאלשקייט פון
ליגנערישע באשולדיקונגען קעגן אונדז. אין 1945 האט די ליגע געפועלט,
אז אין די אפליקאציעס אריינצוטרעטן אין ניו יארק אוניווערסיטעט זאלן

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

אויסגעלאָזן ווערן די פראגעס וועגן ראסע און רעליגיע.

די בנ׳י ברית האלט אויף „הלל פונדאציעס" אין 48 קאלעדזשעס און אוניווערזיטעטן פון לאנד מיטן צוועק צו דערנענטערן יידישע סטודענטן צו דער רייכער יידישער ירושה פון אלע דורות. זי פארמאגט א ספעציעלע ביורא צו פארשפרייטן אינפארמאציע צווישן דער יידישער יוגנט וועגן פאך-פראבלעמען אין אמעריקע און וועגן דעם ווי די יידישע יוגנט קען זיך ארייננפאסן אין דער היזיקער לאגע. זי פירט אן א ריי יוגנט ארגאניזאציעס: „אלף-צדיק-אלף", בני ברית-מיידלעך, בני ברית-יונגעלייט, און בני ברית-יונגע פרויען. זי שטיצן אויך ברייטהארציק די ארבעט לטובת ארץ ישראל.

יידישער ארבעטער קאמיטעט

די דאזיקע ארגאניזאציע איז געבוירן געווארן אין 1934. זי רעפרעזענטירט אסך יידישע יוניאנס, דעם ארבעטער רינג און אנדערע ארגאניזאציעס. זי באקעמפט ענערגיש די הערשנדיקע דיסקרימינאציעס קעגן יידישע ארבעטער, און קעגן דיסקרימינאציעס בכלל. אין דער בויקאט באוועגונג קעגן דייטשלאנד האט זי געשפילט אן אנגעזעענע ראלע. נאכן אויסבראך פון דער מלחמה האט זי געראטעוועט אסך יידישע ראדיקאלע פירער פון אייראפע דורך ברענגען זיי קיין אמעריקע. זי האט געשטיצט די אונטער-ערדישע צווישן ניט-יידישע ארבעטער.

טעטיקייטן לטובת ארץ ישראל

דאס יידישע אמעריקע איז דער הויפט קוואל פון אלץ, וואס ווערט איצט געטאן פאר ארץ ישראל אין חוץ לארץ. דאס איז ריכטיק וועגן די סומעס געלט, וואס ווערן געזאמלט, דאס איז אויך ריכטיק וועגן אלע אנדערע טעטיקייטן. אן איבערבליק איבער די פארשיידענע אינסטיטוציעס און אויפטוען אין ארץ ישראל גופא דערציילט אונדז אויך וועגן דער ריזיקער ארץ ישראל ארבעט דא, אין לאנד. ווען מיר דעריבער אויסגעפינען זייער וויכטיקע פרטים וועגן דעם בעת עס וועט דערציילט ווערן וועגן דעם יידישן ארגאניזירטן לעבן אין ארץ ישראל. זאל איצט גענוג זיין צו געבן עטלעכע אלגעמיינע שטריכן פון אלץ וואס אמעריקאנער יידן האבן געטאן און טוען איצט פארן אויפבוי פון ארץ ישראל.

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

ארץ ישראל נייטיקט זיך אין הילף און ארבעט פון פארשיידענע סארטן. מען דארף זען, אז יידן, דער עיקר אונדזער יוגנט, זאלן פארשטיין די וויכטיקייט פון יענעם ישוב. מען דארף העלפן אויסהאלטן די דארטיקע קולטור-אינסטיטוציעס און בויען נייע. די יונגע פיאנערן, וואס ווילן זיך באזעצן אין ארץ ישראל, דארף מען דא צוגרייטן צו דעם. אינדוסטריעלע און טעכנישע הילף איז נייטיק פאר א לאנד, וואס האט ערשט אנגעהויבן זיך אנטוויקלען. פאראן אינסטיטוציעס מיט פארשיידענע אויפגאבעס, וואס איז שווער צו קלאסיפיצירן, און אויך אט די אלגעמיינע הילף איז געוואלטיק נייטיק. ארץ ישראל נייטיקט זיך אויך אין פאליטישער הילף און איינפלוס. פאר ציוניסטן איז דאס דער וועג צו דערגרייכן דעם אידעאל פון א יידישער מלוכה; פאר אנדערע איז דאס ניט ווייניקער וויכטיק, כאטש זיי שטעלן ניט דעם טראפ אויף מלוכה, נאר אויף פרייער אימיגראציע, און בכלל אויף בויען אין ארץ ישראל א גרויסן יידישן ישוב.

אין די אלע טעטיקייטן זענען אמעריקאנער יידן זייער אקטיוו. עס ווערן דא געזאמלט צענדליקער מיליאנען דאלער פאר ארץ ישראל. דאס רוב יידישע אינסטיטוציעס זענען דירעקט אדער אומדירעקט פארבונדן מיט דער דאזיקער ארבעט. די ווייטערדיקע טאבעלע וועט געבן א שטיקל באגריף וועגן דעם ריזיקן פארנעם פון דער ארץ-ישראל ארבעט אין אמעריקע. אין דער טאבעלע ווערן בלויז אנגעגעבן עקזיסטירנדיקע יידישע ארגאניזאציעס אין אמעריקע, וואס זייער איינציקער צוועק, אדער הויפט-צוועק, איז צו העלפן ארץ ישראל, אדער צו פארשפרייטן דעם געדאנק פון ארץ ישראל צווישן יידן.

כאראקטער פון ארגאניזאציעס	צאל ארגאניזאציעס
צו פארשפרייטן דעם ציוניסטישן געדאנק (אבער ניט עפעס אנדערש)	3
צו שטיצן קולטור אינסטיטוציעס אין ארץ ישראל	16
צו העלפן ארץ ישראל אין גייסט פון דער ארטאדאקסישער טראדיציע	6
צוגרייטן פיאנערן פאר ארץ ישראל	4
העלפן דורך פאליטישער ארבעט און איינפלוס	11
פאר אינדוסטריעלער און טעכנישער הילף	5
פאר הילף און קאאפעראציע פון פארשיידענע סארטן	10
סך הכל	55

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]	[illegible]
[illegible]	[illegible]
[illegible]	[illegible]
[illegible]	[illegible]
[illegible]	[illegible]
[illegible]	[illegible]
[illegible]	[illegible]
[illegible]	[illegible]

אין דער אמתן זענען זייער ווייניק פון די דאָזיקע ארגאניזאציעס פארנומען מיט בלויז אין סאָרט טעטיקייט פאר ארץ ישראל. די אויסגערעכנטע כאראקטעריסטיקעס זענען בלויז די וויכטיקסטע פון די געגעבענע אָרגאניזאציעס, שולן, לאנדסמאנשאפטן, ארדנס, קלובן, א.א.וו. — וואס העלפן אין דער ארבעט פאר ארץ ישראל. דאָס יידישע אמעריקע איז איצט דער שטארקסטער און וויכטיקסטע אָנשפאר פונעם ארץ-ישראלדיקן ישוב אין חוץ לארץ. ניטאָ קיין אנדער יידישע אויפגאבע, וואס זאל וועקן ענערגיע און האפענונג ביי אמעריקאנער יידן אין אזא ריזיקער מאָס ווי דער ישוב אין ארץ ישראל.

<u>ארץ ישראל</u>

ארץ ישראל האָט נאטירלעך פארנומען א צענטראלע פּאָזיציע ביי יידן אין דער צייט ווען זיי זענען געזעסן אויף זייער לאנד. אָבער די דאָזיקע פּאָזיציע האָט זיך אויסגעדריקט אויף א גאָר אייגנארטיקן אופן ווען יידן האָבן זייער לאנד פארלאָרן. זינט דער קאטאַסטראָפע מיט וועלכער עס האָט זיך געענדיקט דער בר כוכבא אויפשטאנד ביזן היינטיקן טאָג האָבן יידן נים פארגעסן אָן ארץ ישראל, האָבן געבענקט און געבעטן אויף די רירנדיקסטע אופנים, אז דאָס פאלק זאָל זיך אומקערן אין אמאָליקן לאנד. ארץ ישראל איז געוואָרן אָן ענד-ציל פונעם משיח געדאנק, און, אין מאָדערנע צייטן, האָט דאָס לאנד ארויסגערופן ריזיקע פראקטישע אונטערנעמונגען דאָרט אויפצובויען א גרויסן יידישן ישוב.

<u>די ערשטע טריט</u>

אין די אכציקער יאָרן פון 19טן י"ה איז ביי די רוסישע יידן געבוירן געוואָרן דער געדאנק, אז מען דארף אויף אָן אָרגאניזירטן אופן פאָרן קיין ארץ ישראל גרינדן קאָלאָניעס, שאפן עקאָנאָמישע מעגלעכקייטן, וואָס מער יידן זאָלן זיך דאָרט קענען באזעצן און אויפבויען א היים. אין יענע יאָרן האָט ד"ר. לעאָן פינסקער פארעפנטלעכט זיין געדאנק, אז בלויז אין אייגן לאנד קען אפשאפן די צרות פון וועלכע יידן ליידן. אין 1882 איז א גרופע יידישע סטודענטן (די בילוים) געפאָרן קיין ארץ ישראל און גענומען בויען קאָלאָניעס כדי צו שאפן מעגלעכקייטן צו לעבן פאר זיך און

פאר אנדערע, וואס וועלן נאך קומען.

אין יענע יארן האבן אין ארץ ישראל געלעבט ארום 35,000 יידן. זיי האבן זיך כמעט אלע קאנצענטרירט אין פיר שטעט: ירושלים, טבריה, צפת און חברון. געלעבט האבן זיי פון דער חלוקה. זיי זענען אלע געווען אלטע לייט, געקומען קיין ארץ ישראל מקיים צו זיין די מצוה פון שטארבן אין הייליקן לאנד. האבן זיי ניט געטראכט וועגן אנטוויקלען דאס לאנד, עס אויפבויען כדי צו לעבן פון די פרוכט פון דער אייגענער ערד און אייגענער ארבעט.

די נייע יונגע יידישע אימיגראנטן, די אזוי-גערופענע ערשטע עליה, זענען געקומען מיט מער פראקטישע צילן און זיי האבן גענומען אויפבויען דאס לאנד דורך שאפן קאלאניעס. אזוי זענען געבוים געווארן ראשון לציון, נס ציונה, כתח תקוה, זכרון יעקב, ראש פינה, א.א.וו. די דאזיקע באוועגונג האט שפעטער אנגענומען א ברייטערן און טיפערן פאלקס-כאראקטער דורכן אויפקום פונעם ציוניסטישן געדאנק, וואס זיין שאפער איז געווען ד"ר. טעאדאר הערצל.

די ציוניסטישע באוועגונג

אונטער דער פירערשאפט פון ד"ר. הערצל האט דער ערשטער ציוניסטישער קאנגרעס אין באזעל אין 1897 דערקלערט, אז „דער ציוניזם שטרעבט צו שאפן אן עפנטלעך-רעכטלעך געזיכערטע היים פארן יידישן פאלק אין ארץ ישראל". צוליב דעם האט הערצל אנגעהויבן דיפלאמאטישע פארהאנדלונגען מיט דער טערקישער רעגירונג. ער האט געהאלטן, אז מיר דארפן זיך ניט אפגעבן מיט קליינער פראקטישער ארבעט אין ארץ ישראל, ווי דאס טוען די חובבי ציון, אדער דעמאלטדיקע פילאנטראפישע ארגאניזאציעס, נאר מיר דארפן שטרעבן צו קריגן לעגאלע קאנצעסיעס פונעם טערקישן סולטאן כדי צו בויען ארץ ישראל פאר יידן אויף א גרויסן פארנעם.

די דאזיקע ציוניסטישע האפענונג איז אין גאנצן צונישט געווארן אין 1908, ווען די טערקישע רעגירונג איז איבערגעגאנגען צו די יונג-טערקן. עס איז געבליבן בלויז די קלענערע פראקטישע ארבעט, וואס די חובבי ציון

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

האבן אנגעהויבן, איצט אונטער דער פירערשאפט פון דער וואקסנדיקער ציוניסטישער ארגאניזאציע. אבער באלד האט זיך אנגעהויבן די ערשטע וועלט-מלחמה. דעמאלט האט מען מער ניט געקענט טראכטן וועגן קויפן מער לאנד, און בכלל אויסברייטערן די ארבעט אין ארץ ישראל. דעמאלט האט מען זיך בלויז געקענט אנשטרענגען צו האלטן דאס וואס איז שוין דא.

דער סוף פון דער ערשטער וועלט-מלחמה האט פארשטארקט די באגייסטערונג אין די טרייב-קראפט פונעם ציוניסטישן פלאן צו מאכן ארץ ישראל פאר א היים פון יידישן פאלק. די באלפור דעקלאראציע (2טן נאוועמבער 1917) שטעלט פעסט, אז „זיין מאיעסטעטס רעגירונג באטראכט גינציק דאס איינשטעלן אין ארץ ישראל א נאציאנאלע היים פארן יידישן פאלק". אין 1922 האט די פעלקער-ליגע איבערגעגעבן ענגלאנד דעם מאנדאט אויף ארץ ישראל. אינעם מאנדאט (ארטיקל 4) ווערט איבערגעגעבן דער ציוניסטישער ארגאניזאציע „זיך צו באמיען... צו געווינען די מיטארבעט פון אלע יידן, וואס ווילן העלפן אינעם אויפבוי פון דער יידישער נאציאנאלער היים".

די יידישע אגענטור

אין 1923 האט די ציוניסטישע ארגאניזאציע אנגעהויבן צו פארהאנדלען מיט אנדערע יידישע קערפערשאפטן, דער עיקר פון אמעריקע, צו שאפן א ברייטערע „יידישע אגענטור", וואס דארף באשטיין סיי פון ציוניסטן סיי פון ניט-ציוניסטן, צו פארווירקלעכן די באלפור-דעקלאראציע לויט די אנווייזונגען פון מאנדאט. די פארהאנדלונגען האבן אנגעהאלטן ביז 1929. דעמאלט איז פארגעקומען די ערשטע זיצונג פון דער פארברייטערטער „יידישער אגענטור", וואס איז באשטאנען פון העלפט ציוניסטן, העלפט ניט-ציוניסטן, און פון די לעצטע זענען 40% געווען פון די פאראייניקטע שטאטן. די דאזיקע קערפערשאפט האט פארנומען דעם פלאץ פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע אנצופירן די פראקטישע ארבעט אין ארץ ישראל, צו פירן פארהאנדלונג מיט דער מאנדאטן-מאכט, און מיט דער אדמיניסטראציע פון ארץ ישראל. די יידישע אגענטור האט באקומען דאס רעכט צוצושטעלן דער רעגירונג, יעוץ צעקס חדשים, אן ארבעטס-פלאן אנווייזנדיק וויפיל אימיגראנטן דאס לאנד קען ארייננעמען די

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

קומענדיקע זעקס חדשים. די אגענטור האט באקומען פון דער רעגירונג די אימיגראציע-סערטיפיקאטן אויף צו צעטיילן לויט איר איינזעעניש.

די יידישע אגענטור האלט אויף פארטרעטערשאפטן אין אסך לענדער. איר עקזעקוטיווע געפינט זיך אין ירושלים. איצט באשטייט זי פון צען מיטגלידער, זיבן ציוניסטן און דריי ניט-ציוניסטן. דער פרעזידענט פון דער יידישער אגענטור איז אויך דער פרעזידענט פון דער ציוניסטישער וועלט-ארגאניזאציע.

דער יידישער נאציאנאל פאנד און דער קרן היסוד

צווישן די וויכטיקסטע ציוניסטישע אינסטיטוציעס רעכענען זיך דער יידישער נאציאנאל-פאנד (קרן קימת) און דער קרן היסוד. דער נאציאנאל-פאנד איז געשאפן געווארן אין 1901 לויט א באשלוס פון צווייטן ציוניסטישן קאנגרעס אין 1898. די הויפט-אויפגאבע פונעם פאנד איז צו קויפן לאנד אין ארץ ישראל. דאס געקויפטע לאנד איז דאס שטענדיקע אייגנס פון יידישן פאלק. עס ווערט פארדונגען אויף 99 יאר צו די וואס באזעצן זיך דערויף, און פאר דעם באצאלן זיי א יערלעכן רענט. אבער אחוץ איינקויף פון לאנד האט דער נאציאנאל-פאנד אויך אינוועסטירט אין קאלאניזירן א צאל ישובים; ער גיט זיך אויך אפ מיט באוועלדערן טיילן פון זיין לאנד, מאכן וועגן, באוואסערונג, א.א.וו. ער פארמאגט איצט איבער 800,000 דונאם לאנד אין ארץ ישראל.

נאך דער ערשטער וועלט-מלחמה האט די ציוניסטישע ארגאניזאציע איינגעזען, אז זי מוז שאפן א באזונדער פאנד פאר אימיגראציע און קאלאניזאציע כדי דורכצופירן די פראיעקטן, וואס די באלפור-דעקלאראציע און דער מאנדאט האבן מעגלעך געמאכט. דעריבער איז אויף דער לאנדאנער קאנפערענץ אין 1920 באשלאסן געווארן צו שאפן אזא פאנד. דאס איז דער קרן היסוד, וואס זיין הויפט-אפיס געפינט זיך זינט 1926 אין ירושלים.

דער קרן היסוד אינוועסטירט געלט אין קאלאניזאציע דורך העלפן פינאנציעל אינדיווידועלע קאלאניסטן. ער גיט זיי הלוואות, וואס זיי דארפן אפצאלן אין משך פון פופציק יאר. ער העלפט אויך אויף פארשיידענע אופנים אסך אנדערע אונטערנעמונגען, וואס זענען נייטיק פארן אויפבוי

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

פוּנעם ישוב. אין דעם גײען אריין דערציאונג און בילדונג אינסטיטוציעס, אימיגראציע, האנדלס-אונטערנעמונגען אין דאָרף און שטאָט, רעליגיעזע אינסטיטוציעס, נאַציאָנאַלע און מוניציפּאַלע אינסטיטוציעס, א.א.וו.

די דאָזיקע צוויי פאָנדן, און אסך אַנדערע פאָרמען פון פינאַנציעלער, פּאָליטישער, אינדוסטריעלער און װיסנשאַפטלעכער אָרגאַניזירטער טעטיקייט, האָבן מעגלעך געמאַכט, אַז די יידישע באַפעלקערונג אין ארץ ישראל זאָל מיט אַזאַ אומגעהײַנטלעכער שטייגונג וואַקסן און זיך אײַנפונדעווען. פון די 35,000 אין די אכציקער יאָרן האָבן מיר אין 1922 שוין 83,794, אָבער אין 1944 שטייגט די צאָל ביז 521,564. אין 1922 איז דער פּראָצענט יידן לגבי דער אַלגעמײנער באַפעלקערונג געווען 17.07% און אין 1944 אַזוי שוין ווי 31.4%.

אמעריקאַנער יידן האָבן זיך באַטייליקט מיט אַן אומגעװײנטלעך ברייטער האַנט אין די געלט-זאַמלונגען פאַר ביידע פאָנדן. אײנעם יאָר, וואָס צווישן 1944 און 1945 האָט דער קרן קימת געזאַמלט אין אמעריקע די ריזיקע סומע פון 4,282,156.94 דאָלאַר, און דער קרן היסוד 3,395,830.87 דאָלאַר, צוזאַמען — 7,677,987.81 דאָלאַר. עס איז װיכטיק צוצוגעבן, אַז אין די מלחמה יאָרן, צווישן 1940 און 1944, האָט דער קרן קימת זיך אײנגעשאַפן 245,100 דונאַם לאַנד, מער ווי א העלפט פון די שטחים, וואָס ער האָט אײַנגעקויפט אין די פריערדיקע 20 יאָר. דאָס האָט מעגלעך געמאַכט, אַז עס זאָלן אויפקומען 42 נייע לאַנד-ישובים.

דער איבערגאַנג פון דער טערקישער צו דער בריטישער מאַנדאַט-הערשאַפט האָט געגעבן דאָס גאַנצע אויסזען פון ארץ ישראל ווי א יידישער ישוב. דאָס האָט אויך געפירט צו א העכערער אַנטוויקלונג פון יידישער לאָקאַלער און צענטראַלער זעלבסט-פאַרוואַלטונג.

<u>צענטראַלע זעלבסט פאַרוואַלטונג</u>

וואָס מער די יידישע באַפעלקערונג אין ארץ ישראל איז געוואַקסן דורך א פאַרגרעסערטער אימיגראַציע, אַלץ מער האָט זיך גענומען אַרויסווײַזן די טיפע צעטײלטקייט צווישן פאַרשיידענע גרופּעס. לכתחילה איז די מאַיאָריטעט

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

באשטאנען פון ספרדים. שפעטער האָבן די אשכנזים גענומען אריבער-
וועגן. בײ די אשכנזים אלײן זענען פאראן די װיטגײענדיקסטע רעליגיעזע,
קולטורעלע און עקאָנאָמישע אונטערשײדן צװישן די פארשײדענע גרופירונגען.
דער גאנצער ישוב באשטײט פון יידן, װאָס זענען געקומען פון פארשײדענע
לענדער, יעדע גרופּע מיט אן אנדער לאנגער געשיכטע הינטער זיך, אנדערע
מנהגים, אנדערע אינטערעסן, אפילו אנדערע שפּראכן. אז די אלע
צעשפּרײטע און צעזײטע זאָלן זיך אנפילן מיטן אײנהײטלעכן גײסט פון א
לעבעדיק, פרײ פאָלק, איז ניט קײן לײכטע זאַך, און עס איז א גאנץ
לאנגער פּראצעס. איז דעריבער קײן חידוש ניט, װאָס דאָס יידישע ארץ
ישראל האָט אזוי פיל פּארטײען און גרופּעס, װאָס, למשל, ספרדים, אשכנזים
און תימנים זענען נאָך אלץ באַזונדערע קהילות, און, װאָס עס איז אנגע-
קומען אזוי שװער צו שאפן א צענטראלע ארגאניזאציע פונעם גאנצן ישוב.

<u>אסיפת הנבחרים</u>

נאָך אײדער די ענגלענדער האָבן געהאט גאנץ ארץ ישראל אין זײערע
הענט, אין דער ערשטער װעלט-מלחמה, האָבן יידן דערפילט די נײטיקײט צו
שאפן א צענטראלע ארגאניזאציע, כאָטש פארשײדענע פּראבעס זענען געמאכט
געװאָרן נאָך אונטער די טערקן דאָס צו דערגרײכן. עס זענען גערופן
געװאָרן פארשײדענע קאָנפערענצן, אבער ערשט אין 1920 זענען דורכגעפירט
געװאָרן װאלן פאר דער ערשטער אסיפת הנבחרים, װאָס רעפּרעזענטירט אלע
יידן פון ארץ ישראל.

די װאלן צו דער אסיפת הנבחרים צײכענען זיך תמיד אויס מיט א
גרויסער צאָל באַזונדערע ליסטן. דאָס נעמט זיך פון דער אײנערלעכער
צעשײלטקײט אויף װעלכער עס איז פריער אנגעװיזן געװאָרן. אזוי זענען
בײ די װאלן אין 1920 געװען 20 ליסטן, אין 1926 — 25, אין 1931 —
16, אין 1944 — 24.

אין 1928 האָט די רעגירונג אָפיציעל אנערקענט די אסיפת הנבחרים
װי די העכסטע רעגירנדיקע יידישע קערפּערשאפט פון ישוב. אלע יידן װי
קאָלעקטיװ װערן באצײכנט װי „כנסת ישראל”, און יעדער ייד װערט

אויטאָמאַטיש א מיטגליד פון דער יידישער קהילה, סיידן ער דערקלערט בפירוש, אז ער וויל דאָס ניט. אין אסיפת הנבחרים, דאַרף, לויטן געזעץ, אויסגעקליבן ווערן יעדע פיר יאָר. אָבער עס איז ביז איצט נאָך ניט דורכגעפירט געוואָרן צוליב פאַרשיידענע מניעות, דער עיקר צוליב דער אומרואיקער לאַגע אין לאַנד. אזוי איז צווישן 1931 און 1944 קיין וואַלן ניט פאָרגעקומען, לכתחילה צוליב די אומרוען פון די אראַבער, דערנאָך צוליב דער מלחמה. פאַרשטייט זיך, אז די אינווייניקסטע צעטיילטקייט ביי יידן איז אויך איינע פון די סיבות.

די צאָל מיטגלידער פון דער „אסיפה" איז לכתחילה געווען 71, לויטן מוסטער פונעם אַמאָליקן סנהדרין. איצט איז דאָס, מיט דער הסכמה פון דער רעגירונג, געביטן געוואָרן אויף 171. עפּעס ענלעכס איז אויך פאָרגעקומען מיטן ועד לאומי, וואָס זיין צאָל איז געביטן געוואָרן פון 23 אויף 42.

ועד לאומי

די אלטע איינטיילונג אויף לעגיסלאַטיווע און עקזעקוטיווע אָרגאַנען אין דער יידישער קהילה איז אויך פאַראַן אין ארץ ישראל. דער ועד לאומי איז די עקזעקוטיווע פון דער אסיפת הנבחרים. דאָס איז דער אַדמיניסטראַטיווער אָרגאַן פונעם ישוב. ער רעפּרעזענטירט די „אסיפה" צווישן סעסיעס און פירט אָן די ענינים פונעם ישוב לויט די רעזאָלוציעס פון דער אסיפה. ער האָט דאָס רעכט אָרויפצוליגן שטייערן פאַר רעליגיעזע צוועקן, פאַר דערציאונג, געזעלשאַפטלעכן וואוילזיין, און אויפהאַלטן די ספּעציעלע יידישע געריכטן. די שטייערן, וואָס ער ליגט אָרויף קענען אויפגעמאַנט ווערן דורך רעגירונג-מאַכט. די אַרבעט פונעם ועד איז צעטיילט אויף 6 אָפּטיילונגען: דערציאונג, קולטור, רעליגיעזע ענינים, אָרגאַניזאַציע, געזעלשאַפטלעך וואוילזיין, געזונט. אין דער צייט פון דער מלחמה זענען צוגעקומען נאָך צוויי אָפּטיילונגען: רעקרוטירן זעלנער, אלגעמיינע הילף אין מלחמה-פירונג. דער ועד פאַרמאָגט אויך ספּעציעלע פאָנדן פאַר וועלכע ער אַפּעלירט נאָך פרייוויליקע באַשטייערונגען.

דאס ארגאניזירטע יידישע לעבן אין ארץ ישראל

די אסיפת הנבחרים פון 1920 האט איבערגעגעבן דעם ועד לאומי אויס-צוארבעטן א קאנסטיטוציע פארן אינערלעכן ארגאניזירטן לעבן פונעם ישוב וואס זאל אפיציעל אנגענומען ווערן פון דער רעגירונג. פארהאנדלונגען וועגן דעם מיט דער רעגירונג האבן זיך געשלעפט א לאנגע צייט. ענדלעך, אין 1927, האט די רעגירונג צוגעשטעלט איר„רעגולאציעס", וואס זענען געווען א פשרה צווישן די יידישע פאדערונגען און די פארשלאגן פון דער רעגירונג.

איינע פון די וויכטיקסטע פאדערונגען איז באשטאנען אין דעם, אז די רעגירונג זאל אנערקענען דעם טעריטאריעלן פרינציפ אין דער יידישער זעלבסט-פארוואלטונג. אין איראפ[illegible]שע לענדער איז די יידישע קהילה געווען א פאראייניקונג פון יחידים פאר דער באפרידיקונג פון זייערע רעליגיעזע און קולטורעלע באדערפענישן. אין ארץ ישראל, וואו דאס רוב יידן וואוינען אין פלעצער וואו זיי זענען די מאיאריטעט פון דער באפעלקע-רונג, האבן זיי געפאדערט עס זאל הערשן דער טעריטאריעלער פרינציפ, ד"ה, אז די קהילה זאל האבן צו זאגן ניט בלויז וועגן די פערזענלעכע, רעליגיעזע און קולטורעלע באדערפענישן פון אירע מיטגלידער, נאר אויך וועגן אלע מוניציפאלע רעכט און התחיבות.

די „רעגולאציעס" אנערקענען דאס טיילוויז דורך דעם, וואס זיי שטעלן אוועק דעם כלל, אז אומעטום וואו עס איז פאראן אן אויסגעקליבענער לאקאלער ראט זאל ער זיין די לאקאלע קהילה, אבער דער דיסטריקט פארשטייער פון דער רעגירונג האט דאס רעכט צו באשטימען ספעציעלע וואלן אויב א דריטל פון דער ארטיקער באפעלקערונג פאדערט עס. אויף אזא אופן קען דער יידישער לאקאלער ראט ווערן דער איינציקער פארשטייער פון אלע מוניציפאלע באדערפענישן פון די איינוואוינער.

זעלבסט-פארוואלטנדיקע לאקאלע איינסן זענען פאראן עטלעכע סארטן. קודם כל קומט די צעטיילונג צווישן שטאטישע און דארפישע קהילות. באזונדערס וויכטיק זענען די דארפישע וויל, ערשטנס, איז ארץ ישראל דאס איינציקע לאנד וואו ארום 30% פון דער יידישער באפעלקערונג איז א

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

דארפישע. צווייטנס, ווייל דאָרט האָבן יידן געשאפן איינגאַרטיקע פאָרמען פון צוזאמען-לעבן. די קאָלאָניעס זענען ישובים וואו יעדע פאמיליע פירט אן איר לעבן און ארבעט אויף א פריוואטן אופן. די אנדערע דארפישע ישובים האָבן פארווירקלעכט די פרינציפן פון קאָאָפעראַציע און שותפות אויף פאַרשיידענע מדרגות ביז די ווייטסטע עקסטרעמען.

צום ווייטסטן גייט אין דעם פרט די קבוצה. די מיטגלידער פון א קבוצה לעבן ווי איין פאמיליע. מיט קיין געדונגענער ארבעט באנוצן זיי זיך ניט. דאָס אייגנס, וואָס זיי פארמאָגן און זייערע הכנסות געהערן צו אלעמען גלייך. זיי פארזאָרגן די באַדערפעניש פון זייערע מיטגלידער, די דערציאונג פון זייערע קינדער, א.ד.ג, לויטן פרינציפ פון אבסאָלוטער גלייכהייט. זיי עסן אין אלגעמיינע עס-צימערן, פארברענגען צוזאמען. ארבעט ווערט איינגעטיילט לויט אן אנגענומענעם פלאן פון אלע מיטגלידער, און פריוואט-לעבן פארנעמט א באגרענעצטן פלאץ.

נאָך דער קבוצה דאַרף מען רעכענען דעם מושב עובדים. דאָ לעבט און ארבעט יעדע פאמיליע פאר זיך אליין. קיין געדונגענע ארבעט ווערט ניט דערלויבט, ווי אין דער קבוצה. בלויז דאָס קויפן, פארקויפן, דאָס באנוצן זיך מיט כלים און מאשינען פאר דער ארבעט, און ענלעכע פרטים, דאָס ווערט געטאָן אויף א קאָאָפעראַטיוון אופן. די פרינציפן פון קאָאָפעראַציע און שותפות לאָזן זיך אויסדריקן אויף פארשיידענע אופנים, ממילא זענען אין ארץ ישראל פאראַן פארשיידענע טיפן פון דעם מין אין דארפישן לעבן. די פאָרמען פון זעלבסט-פארוואלטערישע אינסטיטוציעס זענען צוגעפאסט צו די לאָקאלע באדינגונגען. וואו די באפעלקערונג איז גרעסער באשטייט די אדמיניסטראַציע פון אויסגעקליבענע קאָמיטעטן, אָדער ראָטן. ביי א קליינער באפעלקערונג ווערן באשלוסן אנגענומען אויף אלגעמיינע פארזאמלונגען.

<u>שול-סיסטעם</u>

כמעט אלע יידישע קינדער פונעם ישוב לערנען זיך אין יידישע שולן. אין די צוואנציקער יאָרן האָט יעדע פון די פארשיידענע פארטייען און גרופירונגען אנגעפירט און אויסגעהאלטן אייגענע שולן. אין די דרייסיקער

יארן איז פארגעקומען א גרעסערע צענטראליזאציע אונטער דער השגחה פון ועד לאומי, איצט נעמט די אלגעמיינע שול-סיסטעם ארום מער נאענט צו דריי פערטל פון דער יידישער שול-באפעלקערונג. אין 1933-1932 האבן פון 37381 תלמידים זיך אין די דאזיקע שולן געלערנט 23911 תלמידים (64%), און אין אנדערע שולן 1347 (36%), בעת אין 1943-1942, ווען די צאל תלמידים האט באטראפן 91,321, האבן זיך אין די אלגעמיינע שולן געלערנט 66,739 (73.1%) און אין אנדערע שולן 24,582 (26.9%).

אין דער דאזיקער עפנטלעכער שול-סיסטעם זענען פארטיינט דריי צדדים, דיפונעם אלגעמיין ציוניסטישן טיפ, די מזרחי און די הסתדרות. די ערשטע האלטן פון יידישע שולן, וואס זענען מאדערן-יידיש אין גייסט און שטרייבן אונטער אלגעמיינע לימודים. די מזרחי לייגן דעם טראפ אויף פרומקייט אין אויפפיר און דעם גמרא-לימוד. די הסתדרות שולן פארלאנגען מער דעם עלעמענט פון ארבעט, דעריבער, כאטש זיי זענען פארטיינט, גיט יעדע פון די דריי צדדים אכטונג אויף די אייגענע שולן, וואס גייען אריין אין דער סיסטעם. אלע דריי באטייליקן זיך אין סובסידירן די שולן.

די הסתדרות איז די גרעסטע און בעסט-ארגאניזירטע גרופע איינעם ישוב דאס איז די פעדעראציע פון אלע ארבעטער-יוניאנס. זי איז מער ווי אלע אנדערע פארטראטן אין אסיפת הנבחרים. צו איר געהערט אויך דער פארזיצער פון ועד לאומי. זי פארמאגט א גרויסע צאל אינסטיטוציעס, וואס זארגן פארן געזונט, פאר אלגעמיינער הילף, און פאר דער קולטורעלער אנטוויקלונג פון די מיטגלידער.

אחוץ דער דאזיקער אלגעמיינער שול-סיסטעם זענען אויך פאראן אנדערע וואס האלטן זיך באזונדער. צווישן זיי געפינען זיך, קודם כל, די עקסטרעמע ארטאדאקסן: אגודת ישראל און עץ חיים. די אגודת ישראל האלט אויף תלמוד תורות איבערן גאנצן לאנד. די אומגאנג-שפראך אין זייערע שולן פלעג זיין יידיש, אבער ביסלעכווייז האט העברעאיש אנגעהויבן צו פארנעמען דעם פלאץ. די עץ חיים האט תלמוד תורות בלויז אין ירושלים. זיי האלטן זיך דורכויס ביי יידיש, און שטעלן זיך קעגן דעם וואקסנדיקן

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

העברעאיש פון דער סביבה.

זי זענען ניט אנגעשלאסן אין דער „כנסת ישראל", ממילא געפינען זי זיך ניט אונטער דער יורידיקציע פון ועד לאומי, און זייערע תלמוד תורות ווערן סובסידירט דירעקט פון דער בריטישער אדמיניסטראציע. די ישיבות און תלמוד תורות ווערן אויך געשטיצט פון אמעריקאנער דזשוינט. אין 1944 האט דער דזשוינט אויסגעגעבן אויף חינוך אין ארץ ישראל 351,826 דאלער, אדער 97% פון דער סומע מיט וועלכער ער האט געשטיצט יידישע דערציאונג אין עלף אנדערע לענדער.

אחוץ די דאזיקע זייער פרומע שול-ארגאניזאציעס, פארמאגט ארץ ישראל אסך פריוואטע שולן, און אויך א קליינע צאל, וואס ווערט אויסגעהאלטן פון אויסלענדישע יידישע ארגאניזאציעס. א גרויסע ראלע שפילן אויך די פאך-שולן, שולן פאר אגריקולטור, שולן פאר קראנקן-שוועסטער, און ענלעכע אינסטיטוציעס, וואס ווערן אויסגעהאלטן פון דער אמעריקאנער הדסה, און באזונדערס די העכערע לערן-אנשטאלטן: דער אינסטיטוט פאר טעכנאלאגיע אין חיפה און דער ירושלימער אוניווערזיטעט.

ארץ ישראל ראנגלט זיך תמיד מיט די גרויסע שוועריקייטן אויסצוהאלטן און באדייכערן די יידישע בילדונג אנשטאלטן פון לאנד. די רעגירונג-סובסידיעס זענען זייער קליין, און די שווערסטע לאסט פאלט דירעקט אויפן ישוב און זיינע פירנדיקע אינסטיטוציעס. דער ועד לאומי באמיט זיך צו ווירקן אויף דער רעגירונג זי זאל פארגרעסערן אירע סובסידיעס כדי צו באפרידיקן די דערציאונג-גויטן פון דער יידישער באפעלקערונג. אבער נים געקוקט אויף די אלע שטרייבלונגען מעג דער ישוב זייער שטאלצירן מיט דעם, וואס ער האט אויפגעטאן אויפן דאזיקן אומגעהייער וויכטיקן פעלד.

דאס קולטורעלע לעבן

פונקט ווי אין מאטעריעלן לעבן, געזונט, באקוועמלעכקייט, אינדוסטריעלער אנטוויקלונג, א.א.וו. אזוי זארגט אויך דער ישוב פאר די יידישע קולטורעלע באדערפענישן, און האט אויך דא זייער אסך דערגרייכט. ארץ ישראל פארמאגט איצט אסך גרויסע יידישע מוזיקער און א צאל אינסטיטוציעס צו

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

אנטוויקלען און באפרײדיקן מוזיקאלישע באדערפענישן. אין אנטוויקלונג פון קונסט שפילן א גרויסע ראָלע דער מוזיי אין תל אביב און דער בצלאל-אינסטיטוט אין ירושלים. עס זענען פאראן צוויי טעאטערן: „הבימה" און „אוהל". עס גייען ארויס איבער 100 פעריאָדישע אויסגאבעס. ביכער דערשיינען אין דורכשניט מער ווי א בוך יעדן טאג.

<u>דער ישוב אין דער צייט פון דער קאטאסטראָפע אין אייראָפע</u>

די הויכע מדרגה פונעם יידישן פאלק-באוואוסטזיין אין ארץ ישראל האט זיך ארויסגעוויזן צום שארפסטן אין דער צייט פון דער מוראדיקער קאטאסטראָפע, וואס איז באפאלן אונדזערע ברידער אין אייראָפע. קאלאניעס, קבוצות, מושבי עובדים, ישובים פון אלע סאָרטן האבן אריינגענומען הונדערטער פליטים, און געגרייט זיך אריינצונעמען די אלע טויזנטער, וואס מען וועט קענען ראטעווען. דער ישוב, וואס לעבט אליין אויף די ביישטייערונגען פון אמעריקע און אנדערע לענדער, האט פון זיך אליין ביגעשטייערט 4,000,000 דאָלער צו ראטעווען אייראָפּעאישע יידן.

די יידישע אגענטור האט אונטערהאלטן א שטענדיקן קאָנטאקט מיט די יידישע אונטערערדישע גרופעס אין נאצי-אָקופּירטע לענדער. ציוניסטישע יוגנט-ארגאניזאציעס אין די דאָזיקע לענדער האבן אין דעם, פארשטייט זיך, געשפילט א הויפּט ראָלע. די יידישע אגענטור האט געעפנט אָפיסעס אין איסטאנבול, זשענעווע, טעהעראן, שפאניע, פארטוגאל, און אין אנדערע קריטישע פונקטן כדי צו ראטעווען, וואס מער יידן. אין 1944 האבן 8,000 יידן באוויזן צו דערגרייכן טערקיי, און פון דארט האט זיי די אגענטור געשיקט קיין ארץ ישראל, ווייל די ענגלישע רעגירונג האט צוגעזאגט דער אגענטור, אז זי וועט געבן אימיגראציע סערטיפיקאטן אלע יידן, וואס וועלן פון נאצי-פארנומענער טעריטאָריע זיך ארויסראטעווען קיין טערקיי. ספעציעלע קאמיטעטן צו ראטעווען יידן אין נאציישע לענדער האבן אויסגעארבעט די קונציקסטע פלענער און פארטלען, אז וואס מער זאלן קענען זיך דורכרייסן דורך די גרענעצן. הונדערטער פון די, וואס האבן זיך אונטערגענומען דאס דורכצופירן האבן פארלוירן זייערע לעבנס ביי אט דער געפערלעכער ארבעט.

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

אויך אין די דאזיקע אונטערנעמונגען — וואו מאטעריעלע און פינאנציעלע הילף איז געווען א פראגע פון לעבן און טויט — האט דער אמעריקאנער דזשוינט געהאלפן דער אגענטור.

דעם 15טן יוני 1943 איז געווען א טאג פון נאציאנאלן טרויער אין ארץ ישראל. דאס האט דער ישוב אויסגעדריקט זיין אבלות אין דער גרעסטער טראגעדיע פון אונדזער געשיכטע. אין יענעם טאג האבן אלע יידישע קינדער פון ארץ ישראל זיך געווענדט מיט אט דעם בריוו צו די קינדער פון די פאראייניקטע פעלקער:

„מיר, וואס זענען דערצויגן געווארן אין דער ליכטיקער טראדיציע פון יהודה המכבי, פון רבי עקיבא און בר כוכבא, ווערן איצט דורכגענומען פון דער העלדישקייט פון אונדזער פאלק אין די אייראפעאישע געטאס. מיר אפעלירן צו די קינדער פון אלע פרייע לענדער, וואס זייערע הערצער זענען אפן פארן רוף פון יסורים און גערעכטיקייט זיך אויפצושטעל'ן און שווייגנדיק אפגעבן כבוד די צענדליקער טויזנטער קינדער, וואס זענען אומגעקומען אין די נאצישע טויט-טראנספארטן.

אונדזערע טאטעס און מאמעס שלאגן זיך האנט אין האנט מיט אייערע טאטעס און מאמעס אין א שותפותדיקער מלחמה. מיר אפעלירן צו אייך איר זאלט צוגעבן אייער קול מען זאל ראטעווען די פארבליבענע קינדער פון אונדזער פאלק פון די געטאס און קאנצענטראציע לאגערן, און ברענגען זי אהער אין אונדזער לאנד, ווי זייער היים. מיר האבן באוויזן אונדזער גרייטקייט זי אויפצונעמען. אונדזער היים איז זייער היים, אונדזער ברויט איז זייער ברויט. זאלן זי נאר קומען צו אונדז.

קינדער פון די פעלקער, וואס קעמפן פאר פרייהייט און גערעכטיקייט, העלפט אונדז ראטעווען אונדזער פאלק.”

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

א רירנדיקע צערעמאניע האט בילדלעך אויסגעדריקט די דאזיקע געפילן. עטלעכע מיטגלידער פון א יוגנט-ארגאניזאציע האבן ארויפגעקלעטערט אויפן בארג מסדה, לעבן טויטן ים. אויפן דאזיקן פלאץ איז אין די אלטע צייטן געווען איינע פון די דריי פארבליבענע פעסטונגען נאכן צווייטן חורבן. דריי יאר צייט האט זיך מסדה געהאלטן נאך דעם ווי די רוימער האבן שוין געהאט באזיגט דאס לאנד. ארום טויזנט יידן האבן פארטיידיקט די פעסטונג, און ערשט ווען דער לעצטער יידישער זעלנער איז אומגעקומען איז די פעסטונג געפאלן. ווען די רוימער זענען אריין אין דער פעסטונג האבן זיי געפונען בלויז פינף פרויען און צוויי קינדער.

דער דאזיקער בארג איז אויסגעקליבן געווארן פאר דער צערעמאניע. ווען די קינדער האבן דערגרייכט דעם שפיץ פון מסדה האבן זיי אויפגעוויקלט א פאן וואו עס איז געווען אויפגעשריבן, מיט איין פארביטן ווארט, א פסוק פון תהילים: „אויב איך וועל דיך פארגעסן, גלות, זאל מיין רעכטע האנט זיך פארגעסן (צו רירן)".

0 – 0 – 0





9327 3
1111 5
6594 5
17032 12

9327 3
5335 2
6594 6
8016

40-43





